№ 74 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאָגעבלאַט

הײנט 6 זײטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047. | דאָנערשטאָג, פ' ויקהל-פקודי כ"ז אדר תר"צ | 27 marca 1930 r. | 23-טער יאָהרגאַנג

יאַן פּילסודסקי שאַפט די נייע רעגירונג

דער דעסיגנירטער פּרעמיער קאָנפערירט מיט פּראָפ. באַרטעל, מיט די מאַרשאַלקעס דאַשינסקי און שימאַנסקי און מיט פּולק. סלאַוועק

צענטראַלעוו שיקט צו דער קאָנפערענץ מיט פּילסודסקי'ן נאָר 1 פאַרשטעהער

דעפּוטאַט יאַן פּילסודסקי בעקומט די מיסיע צו שאַפן דעם קאַבינעט

וואַרשאַ, (טעל.)

עלטשען 6 אַוועגער איז דער פּריזער פון מאַרשאַל פּילסודסקי, דעפּוטאַט יאַן פּולסודסקי אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן פּרעזידענט אויף אַ האַלבע שעה'דיגע קאָנפערענץ און שלאָס. אַז רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ האָט דער פּרעזידענט איבערגעגעבן דעם דעפּוטאַט יאַן פּילסודסקי די מיסיע צו שאַפן אַ קאַבינעט. דעפּוט. יאַן פּילסודסקי איז דאַן תיכף אָפּגעפאָהרען און בעלוועדער, וואו ער האָט אָפּגעהאַלטען אַ לענגערע קאָנפערענץ מיט'ן מאַרשאַל פּילסודסקי. דער רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ איז נים בעוואוסט.

קאָנפערענץ פון דעסיגנירטען פּרעמיער

מיט פּראָפ. באַרטעל, מאַרשאַלעק דאַשינסקי, שימאַנסקי און פּולק. סלאַוועק

וואַרשאַ, 26. (טעל.)

נאָך דעם ווי דעפּוט. יאַן פּילסודסקי האָט איבערגענומען די מיסיע צו בילדען דעם קאַבינעט האָט ער אָפּגעהאַלטען קאָנפערענצען מיט פּראָפ. באַרטעל, מיט סיים מאַרשאַלעק דאַשינסקי און סענאַט מאַרשאַלעק שימאַנסקי. שפּעטער איז ער אַוועק אין בעלוועדער און האָט דאָרט אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט פּולק. סלאַוועק.

וואַרשאַ, 26. (טעל.)

דעפּוט. יאַן פּילסודסקי האָט בין פּרעמיאַר צו קענען צוזאַמענשטעלען די ליסטע פון נייעם קאַבינעט. אין די סיים-קרייזען גלויבט מען אָבער נישט דערין און מען האַלט, אַז זיין מיסיע וועט זיך ענדיגען מיט'ן אַדורכפאַל גראָד ווי די מיסיע פון מאַרשאַלעק שימאַנסקי, און דאַן וועט איבערנעמען די מיסיע צו בילדען דעם קאַבינעט מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

* * *

צענטראַלעוו שיקט צו דער קאָנפערענץ מיט דעפּ. יאַן פּילסודסקי נאָר 1 פאַרשטעהער

וואַרשאַ, 26. (טעל.)

דאָנערשטאָג וועט דעפּוט. יאַן פּילסודסקי קאָנפערירען מט'ן „צענטראָלעוו". ווי אונזער קאָרעספּאָנדענט דערוויסט זיך האָט דער צענטראָלעוו בעשלאָסען צו שיקען אויף דער קאָנפערענץ צום דעזיגנירטען פּרעמיער יאַן פּילסודסקי נישט קיין פאַרשטעהער פון די איינצעלנע קלובען, נאָר 1 איינציגען פאַרשטעהער, וואָס וועט אָפּגעבען אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון גאַנצען צענטראָלעוו.

לאַסט-אויטאָ מיט מאַנופאַקטור-סחורה

פערברענט געוואָרען אויפ'ן וועג קיין וואַרשאַ

לאָדזשער סוחרים געליטען גרויסע היזקות

סאָכאַטשעוו, 26. (טעל.)

אין דער נאַכט אויף מיטוואָך איז אויפ'ן וועג צווישען סאָכאַטשעוו און בלאָניע געפאָהרען דער לאַסט-אויטאָ פון לאָדזשער עקספּעדיטאָר ווינער (פּל. וואָלנאָשטשי 11). בעת דער אויטאָ האָט זיך געפונען 13 קילאָמעטער פון בלאָניע, האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגעצונדען און אין משך פון עטליכע מינוט איינגעהילט געוואָרען אין פלאַמען. דער אויטאָ האָט געפיהרט מאַנופאַקטור-סחורות פון לאָדז קיין וואַרשאַ. דער אויטאָ און אַ טייל פון דער סחורה איז פערברענט געוואָרען. דער שאָפער איז בעת דער עקספּלאָזיע אָפּגעבריהט געוואָרען.

די סבה פון דער שרפה איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט. דער שאָדען איז אַ בעדייטענדער.

בריאַן צוריק אין לאָנדאָן

פּאַריז, 26. (מג.)

אויסערן מיניסטער בריאַן איז מיטוואָך נאָכמיטאָג אָפּגעפאָהרען קיין לאָנדאָן.

ערקלערונג פון דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע

אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ

לאָנדאָן, 26. (מג.)

די אַמעריקאַנישע דעלעגאַציע אויף דער לאָנדאָנער פלאָטען-קאָנפערענץ האָט היינט פערעפענטליכט אַ ערקלערונג, לויט וועלכער עס ווערט אָפּגעלייקענט די ידיעה, אַז די אַמעריקאַנישע דעלעגאַציע איז גרייט אונטערצושרייבן אַ גאַראַנטיע-אָפּמאַך כדי אַזוי אַרום צו ראַטעווען די לאָנדאָנער-קאָנפערענץ. אַמעריקאַ וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק צוצושטימען צו אַ אָפּמאַך, וואָס זאָל זיך שטיצען אויף הבטחות פון מיליטערישער אונטערשטיצונג.

בעסערע אויסזיכטען פאַר דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ

לאָנדאָן, 26. (סס.)

די אויסזיכטען פון דער ים-קאָנפערענץ האָבען זיך אַביסעל פערבעסערט.

א"י רעגירונג זאָגט פאַר די רוה אין אַראַבישען יום-טוב

ירושלים, 26 (יט"א)

די ארץ ישראל רעגירונג האָט אָנגענומען אַלע שריט צו זיכערען די רוה אין די טעג פון מאַכמעדאַנישע יום טוב „נביא מוסי", ווען עס ציהט אַ גרויסער דמון מאַכמעדאַנער עולה רגל זיין אין אַמאָר מעמשעם.

„באַנק פּאָלסקי" פערקלענערט ווידער דעם דיסקאָנטאָ פוס

וואַרשאַ, 26. (טעל.)

אין די פינאַנץ-קרייזען שמועסט מען אַז „באַנק פּאָלסקי" קלויבט זיך צו פערקלענערן דעם דיסקאָנטאָ-פוס. די פערקלערונג פונ'ם דיסקאָנטאָ-פוס ווערט „באַנק פּאָלסקי" שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דיסקאָנטאָ פערקלענערונג אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ.

א נייע עמיגראַציע גזרה פון דער אַפריקאַנישער רעגירונג

הונדערטער יודען זענען צוליב דעם פערצווייפעלט

וואַרשאַ, (טעל.)

אנ'אויסערגעוועהנליך שווערען איינדרוק האָט דאָ געמאַכט ד טעלעגראַפישע ידיעה פון לאָנדאָן, אַז די רעגירונג פון דרום-אַפריקע פערלאַנגט פון די עמיגראַנטען, וואָס ווילען אַריינקומען אין לאַנד נאָך איידער די קוואָטע וועט איינגעפיהרט, ד. ה. פאַר'ן ערשטען מאי, 100 פונט ווייזע-געלד.

ביז איצט האָט מען געדאַרפט צו האָבען 35 פונט ווייזע-געלד מיט אַ וואָך צוריק האָט פּלוצלינג די אַפריקאַנישע רעגירונג פעראָרדענט, אַז מ'מוז אויפווייזען 60 פונט. זעהענדיג, אַז דאָס וועט דאָך דערמעגליכען אַפאַר הונדערט יודען אַריינצוקומען קיין אַפריקאַ איידער די קוואָטע ווע טאַרען אין קראַפט, האָט די רעגירונג איצט פעראָרדענט צו פערלאַנגען הונדערט פונט. דאָס הייסט, אַז פּראַקטיש האָט מען שוין איצט געשלאָסען די טויערן פון אַפריקאַ. די פּאָר הונדערט יודען פון פּוילען, וועלכע האָבען געזאָלט די טעג אָפּפאָהרען מיט די לעצטע שיפען קיין אַפריקאַ, זענען צוליב דער לעצטער גזרה ממש פערצווייפעלט.

הויך-קאָמיסאַר בעשטעטיגט

די נאָמינאַציע פון קריסטליכע וויצע-שטאָט-פּרעז.

ירושלים, 26. (יט"א)

משענסלאָר האָט בעשטעטיגט די נאָמינאַציע פון קריסטליכען וויצע-פּרעזידענט פון ירושלים אַלס שטעל-פערטרעטער פון אָפּוועזענדען שטאָט-פּרעזידענט נאַשאַשיבי. צווישען דער יודישער בעפעלקערונג הערשט אַ גרויסע אויפרעגונג.

טאָמאַס מאַן אין ארץ-ישראל

ירושלים, 26 (יט"א)

טאָמאַס מאַן איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

ווייטערע 230 מיליאָן דאָלאַר בעשטימט אַמעריקאַ

אויף צו בעשעפטיגען די אַרבייטסלאָזע

וואַשינגטאָן, 26 (מג.)

דער סענאַט האָט היינט אָנגענומען אין אַ דריטער לעזונג דעם רעגירונגס-פּראָיעקט, צו בעשטימען ווייטערע 230 מיליאָן דאָלאַר אויפ'ן בוי פון וועגען און שאָסייען. מיט איינציגע וואָכען צוריק זענען אויף דעם וועלכען צוועק בעשטימט געוואָרען 223 מיליאָן דאָלאַר, כדי צו האָבען אַ מעגליכקייט צו בעשעפטיגען די אַרבייטסלאָזע.

אנאָנסען אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט" האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג

מיר זוכען שטענדיגע אָפּנעהמער פון
אייער, פּוטער
און גע'שחט'ענע עופות
צו ווענדען זיך:
Eier, Butter- und Geflügelverwertung
MELL & Co. (Deutschland) Dortmund
Jägerstr. 27.

ליגע למען ארץ ישראל העובדת בלודז
ליגע פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ-ישראל אין לאָדז.
זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20.
היינט דאָנערשטאָג, דעם 27 ד. ח., 8.30 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר
א תל-חי-אַקאַדעמיע
בעטייליגטע: מ. ניישטאַט, סעקרעטאַר פון די לייטונג פון פּ.א.פּ. אין א"י, גדליהו געלער פון פּתח-תקוה, צבי לוריע פון א"י און ב. קאַרייזמאַן פון וואַרשע. רעציטאַציעס ח' יחיאל ראָזענצווייג, אָרקעסטער פון „בר-כוכבא", לעבעדיגע בילדער פון חלוצים-לעבען אין א"י אויסגעפיהרט דורך די חברים „גורדוניה" און השומר-הצעיר".
די איבערבליבענע בילעטען צו בעקומען ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

Dr. Med. E. Reicher
ספּעציעל ארצט
פאַר הויט האָר און ווענערישע קראַנקהייטען
דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטרא-טעראַפּיע
פּאָלודניאָווע 28 נעהמט אָן פון 8–10 פריה 12–2;
7–8.30 אָוו. זונטאָג פון 9–2
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען

Dr. A. Mazur
וסכאָדניאַ 65, — טעל. 166-01
נעמט אָן פון 12.80—1,30 און 4—6 אָוונד:

Dr. Z. RAKOWSKI
ספּעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייט
קאָנסטאַנטינער 12 טעלעפאָן 127-81
שפּרעכשטונדען 12–2 און פון 5–7 נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערושער 17, פון 2 ביז 3 נאָכמ.

Dr. med. H. Lajchter
צאָהן-כירורג
קיסער, דזשאַנסלעס גומען, צינג-קראַנקהייטען א.ד.ג.
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף זשעלאַנאַ 9, טעל. 149-66 1 שטאָק פראָנט

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאַנאַ 25
טעלעפאָן 126-87
ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע. אַלפּ-אַרט אַנאַליזען בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8—2, און פון 6—9 אָוונד.
בעזונדער „וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. L. Suchowczycki
כירורג
נעמט אָן טעגליך פון 2 ביז 3 און פון 6 ביז 8.
Pl. Dąbrowskiego 2, tel. 123-47

Dr. med. H. Krauskopf
אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 45 טעל. 113-47
נעמט אָן פון 4–7 אָוונד.

Dr. med. Adam Bender
נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 41-75
ספּעצ. פאַר אינערליכע און האַרץ-קראַנקהייטען

בעקאַנטמאַכונג.
דער לאָקאַל פון בעקער-צעך וסכאָדניאַ 57 איז צו פערדינגען אויף
פערוויילונגען, פאַרלעזונגען און פערזאַמלונגען
3 טעג אין דער וואָך: דאָנערשטאָג, פרייטאָג און שבת ווי אויך ימים טובים.
צו פערשטענדיגען זיך אין קאַנצעלאַריע פון צעך פון 6 ביז 10 אין אָוונט.

פערשידענע וואוינונגען
גרעסערע און קלענערע מיט אַלע בעקוועמליכקייטען אין צענטרום פון שטאָט פון זאָפאָרט צו פערמיטען. אַדרעסען אָפּצוגעבען אין אדמיניסטר. פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" אונטער „25"
2292

רעדע פון אויסערן-מיניסטער זאלעסקי
וועגן הערצעל׳ס אפמאך מיט דייטשלאנד

ווארשא (טעל.) נעכטען אוונט האט אויסערן-מיניסטער זאלעסקי אין לאקאל פון דער געזעלשאפט צו פארשען אינטערנאציאנאלע פראגען אין ווארשא געהאלטן א רעדע וועגן דעם דייטש-פוילישן האנדעלס-אפמאך און דעם ליקווידאציע-אפמאך. מיניסטער זאלעסקי האט צווישען אנדערן געזאגט:

די פערשטענדיגונג צווישען דייטשלאנד און פוילען איז א לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר ביידע מלוכות. צוליב אלגעמיין ווירטשאפטליך-פאליטישע מאטיוון האט פוילען געהאלטן פאר נויטיג דאס שליסען דעם האנדעלס-אפמאך. דער דאזיגער אפמאך האט פאר פוילען גרויסע מעלות.

בנוגע דער ערלויבניש פאר דייטשע בירגער זיך צו בעזעצען אין פוילען ווערט איבערגעלאזען פרייע הענט און אויך געהאט דערביי אויפ׳ן אויג די פוילישע מינדערהייט אין דייטשלאנד.

דער ליקווידאציע-אפמאך האט מיט איין קלאפ אראפגענומען פון פוילען די שווערע פינאנציעלע בעלאסטונג, וואס איז געווען דער פועל יוצא פון די מלחמה-נאכוועהענישען.

א דאנק דעם ליקווידאציע-אפמאך איז פוילען בעפרייט געווארען פון מיליארדען-צאהלונגען פאר דער רעפאראציע-קאמיסיע און פטור געווארען פון די מיליאנען פראצעסען צוליב דער ליקווידירונג פון דייטשען אייגענטום.

צום סוף האט מיניסטער זאלעסקי בעזונדערס אונטערגעשטראכען, אז לויט׳ן ליקווידאציע-אפמאך וואס איז געשלאסען געווארען מיט דייטשלאנד האט די לעצטע מעהר נישט די מעגליכקייט בנוגע דער דייטשער מינדערהייט אין פוילען זיך צו מישען אין די אינערליך-פאליטישע פערהעלטעגישען אין פוילען.

ארעסטירט 7 אראבער וואס האבען געגרייצט צו א אנפאל

ירושלים, 26 (יט״א) פאליציי האט ארעסטירט 7 אראבער, וועלכע האבען אגיטירט צו בעפאלען די קאלאניע באר טוביה. איינער פון די ארעסטירטע איז א רעדאקציע-מיטארבעטער פון פעלעסטין.

די אראבישע דעלעגאציע ביים קאלאניען-מיניסטער

ירושלים, 26 (יט״א) „פעלעסטין" מעלדעט, אז דעם 31. מערץ וועט די אראבישע דעלעגאציע אויפגענומען ווערען דורך לארד פאספילד.

גרויזאם פאר פאלק, וואס האט פערפייניגט זייער אייגענע קינד

בערלין, 26. (פו) פאר א גרופע פון געשוואוירענע איז געשטאנען געשטאנען דאס פאר-פאלק. שראמער, וואס איז אנגעקלאגט געווארען און פערפייניגען זייער אייגענעם קינד, א מיידעלע פון 3 יאהר.

דאס קינד איז בעזונדערס געווען געשוואוירענע געוואלדעלט פאר דער חתונה און זיי האבען דאס אפגעגעבען אין א אנשטאלט. לעצטענס האבען זיי חתונה געהאט און דאס קינד אהיימגענומען. פינף לעבען איז זיי געווען צו ווייניג און זיי האבען שוין געוואלדען א אומ׳חן אויפ׳ן מערדעריש און עס אזוי מערדעריש געהאנדעלט, ביז עס האט די נשמה אויסגעהויכט.

דאס געריכט האט ארויסגעטראגען געגען די מערדערישע עלטערן א שטרענגען אורטייל. די מוטער האט בעקומען 4 יאהר תפיסה און דער פאטער 5 יאהר.

גענעראל קוטיעפאוו איז פערשלעפט געווארען קיין מאסקווא
דאס האט בעוויזען די אויספארשונג פון דער פראנצויזישער פאליציי

פאריז, 26 (ספעצ.) אין דער נעכטיגער פאריזער פרעסע האבען זיך בעוויזען די לעצטע רעזולטאטען פון דער אויספארשונג וואס איז דורכגעפיהרט געווארען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן פערשוואונדען ווערען פון גענעראל קוטיעפאוו.

די אויספארשונג שטעלט פעסט, אז גענעראל קוטיעפאוו איז מיט געוואלד ארויסגעפיהרט געווארען פון פראנקרייך.

איינעגע עדות האבען געזעהען ווי מען האט אויפגעלאדענט אויף א שיף ביי די נארמאנדישע ברעגעס א מאנספערשוין, וואס איז געווען געבונדען און איינגעוויקעלט אין א מאנטעל.

די ווייטערע אויספארשונג האט בעוויזען, אז קוטיעפאוו איז אוועקגעפיהרט געווארען קיין מאסקווא און איינגעזעצט געווארען אין דער ליוביאנקער תפיסה. מיט א וואך צוריק האט ער נאך געלעבט.

דער פערעפענטליכטער רעזולטאט פון דער אויספארשונג האט אין פראנקרייך געמאכט א גרויסען רושם. איינעגע צייטונגען פאדערן אונטערצורייסען די דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט סאוו. רוסלאנד.

סעגאטאר יאפע האט אפילו וועגען דעם ארייגעטראגען א פארשלאג אין סענאט, אבער אויף דער בקשה פון אויסערן-מיניסטער בריאן, האט סענאטאר יאפע נישט געפאדערט די דרינגליכע בעטראכטונג פון זיין פארשלאג.

יודישע זעלבסטמארדען אין ברעסלוי

ברעסלוי (יטא) די „ברעסלויער יודישע צייטונג" פערעפענטליכט סטאטיסטישע ציפערן וועגען די יודישע זעלבסטמארדען אין דער שטאט. פון דער אלגעמיינער צאהל 218 זעלבסטמערדער אין יאהר 1929 אין ברעסלוי זענען 14 געווען יודען (ד.ה. 6,4%) אין דער צייט ווען די יודישע בעפעלקערונג בילדעט ס״ה 3,9% פון דער אלגעמיינער שטאט-בעפעלקערונג (24.000 אויף 505.000).

די גרעסטע טייל פון די 14 יודישע זעלבסטמערדער זענען געווען מענער איז עלטער פון איבער 40 יאהר און פרויען איבער 50 יאהר. איינער פון זיי איז געווען א דאקטאר, 6 פרויען אהן בעשעפטיגונג און 7 סוחרים. די „ברעסלויער יודישער צייטונג" קומט דערפון צום אויספיהר, דאס די לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג איז א בעזונדערס שלעכטע.

ווער האט געוואונען אויף דער מלוכה-לאטעריע?

ציהונג פון דער 5 קלאס פון דער 20. מלוכה לאטעריע.

19-טער טאג

15.000 זל. נומ. 23598
10.000 זל. נומ. 136808 147475
166654
5.000 זל. נומ. 82715 112639
156318
3.000 זל. נומ. 28456 178548
199526
2.000 זל. נומ. 12385 12443
196237 175818 80707 52520 31680
1.000 זל. נומ. 2586 5640 17853
115082 104044 98257 86633 27778
188038 167164 161652 150266
195495
600 זל. נ׳ 63223 94034 118949
18 775 151610 132782 128228
208209

נאך דער הפסקה

10.000 זל. נומ. 68204 164417
5.000 זל. נומ. 85718
3.000 זל. נומ. 88293 181852
2.000 זל. נומ. 71582 80286
99382
1.000 זל. נומ. 33920 16509
133027 122684 118123 99697
196812 190902 183103 170065
200988
600 זל. נומ. 5840 6335 14362
64601 55828 49049 33502 24279
109943 81056 78391 70489 66214
146652 146005 122378 120147
173695 166929 166817

יודען אין שיקאגא פאדערן לערנען יודיש אין די מיטעל-שולען

שיקאגא (יטא) צווישען דער הינער יודישער בעפעלקערונג בעמערקט זיך לעצטענס א שטארקע בעוועגונג אויסצעווירקען דאס לערנען די יודישע שפראך אין די ארטיגע מיטעלשולען. א רעזאלוציע וועגען פיהרען א קאמף פאר יודיש אויף די הויכשולען איז אנגענומען געווארען אויף דער קאנפערענץ פון דער היגער יודישער קולטור-געזעלשאפט. די קאנפערענץ האט אויך בעשלאסען צונויפרופען א רויה מיטינגען פון עלטערן, כדי אויפקלערען די וויכטיגקייט פון איינפיהרען דעם לימוד פון יודיש אין די מיטעלשולען און ווייטער איז בעשלאסען געווארען צו זאמלען מינדעסטענס 50.000 אונטערשריפטען אויף א פעטיציע צום ערציהונגס-ראט, אין וועלכער עס זאל געפאדערט ווערען דער לימוד פון יודיש אין די רעגירונגס-מיטלשולען.

די קאנפערענץ האט אויסגעוועהלט א קאמיסיע אנצופיהרען מיט דער פראיודישער קאמפאניע. אין דער קאמיסיע זענען אריין די ה״ה מ. קאפלען, אברהם פאט, מ. אייזענבערג, אדוו. ישראל הייםעלשטיין און אדוו. חיים ארשקעס.

120 טויזענד זלאטיס בעשטימט אויף דער פסח-אקציע
40 טויזענד זל. אויף דער קויהלען-אקציע
און 10 טויזענד זלאטיס אויף מצות פאר יודען אין רוסלאנד
פראטעסטירט געגען די רדיפות אויף דער יודישער רעליגיע אין רוסלאנד

נעכטיגע שטורמישע זיצונג פון קהלה-ראט.

די נעכטיגע ראט-זיצונג איז אויסגעפאלען זעהר שטורמיש.

צו דער זיצונג זענען געקומען די פארשטעהער פון דער „אגודה", אומפארטייאישע, ציוניסטען, „בונד" און פועלי-ציון.

באלד נאך דער ערעפנונג פון דער זיצונג, האט פרעזעס סעג. ש. בורזינער ערקלערט, אז ער האט געשטראכען אלע פונקטען פון סדר-היום און איבערגעלאזט בלויז די פראגען וועגען קויהלען און פסח-אקציע. פרעזעס מינצבערג בעט נים צו שטרייכען פון דער טאג-ארדנונג די פונקטען, וועלכע פרעזעס בורזינער האט בריעה צו שטרייכען.

פרעזעס בורזינער: וועגען די איבריגע ענינים וועלען מיר זיך אויסשמועסען בעת דער בורזשעט-דעבאטע.

ראזאר רומקאווסקי נוצט אויס די טריבונע אויף צו דעמאסקירען די הערשענדע מערהייט און שטעלט מיט דעם ענטדעקטען באבאר-סיסטעם אין דער בית-עולם-אפטיילונג ביי דער קהלה. ער פרעגט דערביי, וואס עס איז געווארען פון דער אויספארשונג, עפעס איז דער ענין פערדריפען געווארען.

פארזיצער בורזינער: דער קהלה-ראט וועט זיך צו דעם ענין נאך אומקעהרען, אויפ׳ן זעלבען אן׳אויספארשונגס-קאמיסיע.

נאך זיין אפשטימונג בלייבען אלע פונקטען אויף דער טאג-ארדנונג אונגעענדערט. פאר האבען געשטימט די גערער און אלעקסאנדרער.

ראזאר צעדערבוים (פא״י) לעגט פאר צו פראטעסטירען געגען די רעליגיעזע רדיפות אויף די יודען אין רוסלאנד.

פרנס ציטרינאווסקי: איך בין געצוואונגען ארויסצוטרעטען געגען אונגעדערטען אנפאל, וואס דער ארטאדאקסישער ראזאר האט זיך ערלויבט צו מאכען אויף דער אינציגער ארבייטער רעגירונג אין ראטען-רוסלאנד.

צום ענין פסח-אקציע טרעט-צו רעדען ראזאר מ. פלאטוי. ער מיינט, אז ס׳איז געשעהן אן׳עולה נעגען דעם ראט, וואס מ׳האט איהם פריהער נישט אנגעפרעגט, אבער עס איז אנגענומען געווארען א בעשלוס וועגען 40.000 זל. אויף קויהלען-אקציע. פאר דעם געלד וועט יעדער ארים יענעקומען קויהלען נאר אויף צו וואכען פסח׳דיגע קיך. ער שלאגט פאר צו שטרייכען די קויהלען-אקציע און פערגרעסערען די סומע פון דער פסח-אקציע אויף 200,000 זל.

ראזאר פארגאמענט, זאגט, אז פון טויזענדער ארימעלייט ווערט געמאכט א פערברעכערישער חוזק. ה׳ פארגאמענט ווערט פסדר פערשריגען דורך די ארטאדאקסען פון דער גאלעריע.

ערשט דאן טרעט-צו דער קהלה-ראט צו בעטראכטען די פראגע וועגען פסח-אקציע, וואס ווערט רעפערירט דורך וויצע-פרעזעס ה. בערגער. עס איז שוין א טראדיציע מכמה יאהרען צו געבען אויף יעדען פסח קמחא פאר די ארימע-לייט. די נויט איז היינט אין לאדז פיל שארפער און די אקציע וועט געדארפט זיין דאפעלט הויך. צום בעדויערן שפיגעלט זיך אפ דער שווערער קריזיס אין דער קהלה-קאסע. פונדעסטוועגען האט די קהלה-פערוואלטונג בעשלאסען חלילה נישט צו פערמינערען די סומע פון דער פסח-אקציע לגבי דער דאזיגער אקציע אין פאריגען יאהר. ער בעט דעריבער צו בעשטעטיגען ד. סומע פון 120,000 זל. אויף דער פסח-אקציע און 40.000 זל. אויף די קויהלען-שטיצע און ערלויבען דעם קהלה-פרעזידיום אויסשטעלען אויף דעם סכום וועקסלען.

ראזאר ערעלמאן ווארפט פאר, אז די לאדזער קהלה האט דאס גאנצע שווערע יאהר לחלוטין גארנישט געטון, כדי צו לינדערן די גרויזאמע נויט, וואס וואקסט מיט יעדען טאג. מיט דער היינטיגער זיצונג שטעלט די קהלה זיך אויס אן׳ארומקעמפס-צייגניש.

ראזאר רומקאווסקי ווינשט דער „אגודה" צום נייעם שידוך מיט די אומפארטייאישע", אז זיי (די אלעקסאנדרער) זאלען זיך ביי איהר אזוי לאנג האלטען, ווי זיי האבען זיך געהאדערעוועט ביי די ציוניסטען. אגב-אורחא שטעלט ער פעסט, אז די „אגודה" האט שוין 3 מאל חתונה-געהאט און נישט גט׳ענדיג זיך חתונה-געהאט אויפסניי. די קהלה איז אלזא אן׳אשת-איש .. (הטערקייט צווישען זעלים).

ווען ה׳ רומקאווסקי רעדט וועגען דער פסח-אקציע, קומט פאר א קליינער אינצידענט צווישען סעג. בורזינער און ראזאר אנטשע מאיר וואידיסלאווסקי. אז ה׳ וואידיסלאווסקי פארערט פון פארזיצענדען ה׳ בורזינער נישט צולאזען לענגער רעדען דעם ראזאר רומקאווסקי׳ן. פרעזעס בורזינער לאזט ה׳ רומקאווסקי׳ן דאר רעדען און אויף דעם בארען שפילט זיך אפ דער אינצידענט.

פרנס זעלמאנאוויטש זאגט, אז שוין 4 חדשים זענען אוועק, זינט די „אגודה" האט אליין געשטעלט אויף דער טאג-ארדנונג די קויהלען-אקציע. און איצט וויל מען די ארימע מאסען צווארפען א ביין. ער ווארענט פאר׳ן אויסברוך פון צארן פון די הונגעריגע.

עס רעדע נאך די ראזארעס ציטרינאווסקי, פארגאמענט, זעלמאנאוויטש, האלענדערסקי, ל. ראזענבערג און צעדערבוים. דער לעצטער האט זיך געווענדעט מיט אן׳אפעל צו דער קהלה-פערוואלטונג זיך צו ווענדען צו די לאדזער יודישע פאבריקאנטען, אז זיי זאלען צוגעהמען אין זייערע פאבריקען יודישע ארבייטער, כדי זיי זאלען נישט דארפען אנקומען צו שטיצע. ה׳ ליבוש ראזענבערג רעדט וועגען די שרעקליכע פערצווייפלונג צווישען די פערארימטע קליינהענדלער ער וועט דעריבער שטימען פאר א גרעסערע סומע אויף דער פסח-אקציע.

די שטורמישע דעבאטע וועגען דער פסח-אקציע, וואס איז געווען דורכגעפלאכטען מיט מאוס׳ע עפיטעטען, האט פערענדיגט פרעזעס מינצבערג מיט א רעדע, אין וועלכער ער קריטיקירט דעם גאנגען פון דער דיסקוסיע, וועלכע ריינעט ארגומענטער דעם פרעזידיום פון קהלה-ראט. ער האפט אבער, אז עס וועלען זיך בעסער קומען רוהיגערע זיצונגען פון ראט, און רופט צו שטימען נאר פאר דער סומע פון 120,000 זל. אויף דער פסח-אקציע.

בעת דער אפשטימונג פאלען ארויס די פארשלאגען ווענען 225,000 און 200 טויזענד זל. עס ווערט אקצעפטירט דער בעשלוס פון דער קהלה-פערוואלטונג וועגען 120,000 זל. פאר דער פסח-אקציע.

ראזאר רומקאווסקי לעגט פאר צו בעשטימען 10,000 זל. אויף מצות פאר די יודען אין סאוועט-רוסלאנד. די „אגודה" איז, זאגט זי, נישט געגען דעם. זי גלויבט אבער נישט אין דער מעגליכקייט דאס געלד צו קענען אוועקשיקען. ה׳ רומקאווסקי זאגט-צו צושאפען מעגליכקייטען דאס געלד יא צו בעזארגען קיין רוסלאנד. זאל די „אגודה" נאר האבען מוט צו העלפען די פסח-סומע אויף 10,000 גילדען. ראזאר ערעלמאן איז געגען ה׳ רומקאווסקי׳ס פארשלאג; ער האלט עס פאר א בלויזען אנשמעל. ווען ער רעדט ענטשטעהט א קאצ-מוזיק. די גאלעריע הייבט, זינגט, טופעט און שרייט. פריער נישט צו לאזען רעדען.

ארוו. וויצמאן גיט אפ אן׳ערקלערונג אינ׳ם נאמען פון דר. פערוואלטונג, אז דער ועד-הקהל וועט שטימען פאר ארויסשיקען 10,000 זל. קיין רוסלאנד, נישט ארייגלאזענדיג זיך דערביי אין קיין שום פאליטישער חקירה.

דער פארשלאג פון ה׳ רומקאווסקי ווערט אנגענומען מיט א מעהרהייט שטימען.

נאך דער אפשטימונג גיבען אפ די פארשטעהער פון „בונד" און פועלי-ציון א ערקלערונג, אז זיי האבען געשטימט געגען דעם פארשלאג צושיקען 10,000 זל. קיין רוסלאנד דערפאר, ווייל זיי אנערקענען דעם שריט אלס א דעמאנסטראציע געגען דער ארבייטער-רעגירונג אין סאוועט-רוסלאנד.

א נייער שטורם הויבט זיך אן ביים בעטראכטען די פראגע וועגען דער קויהלען-אקציע.

עס ווערט בעשטעטיגט דער בעשלוס פון דער פערוואלטונג וועגען 40,000 זל. אויף דער קויהלען-אקציע און צו בעפולמעכטיגען די קהלה-פערוואלטונג אויסצושטעלען וועקסלען אויף 160 טויזענד זל. אויפ׳ן חשבון פון בודזשעט פאר 1930.

ס׳ווערט אויך אנגענומען די פראטעסט-רעזאלוציע געגען די רעליגיעזע רדיפות אין רוסלאנד.

אויך ווערט בעשטעטיגט דער בעשלוס פון דער קהלה פערוואלטונג וועגען צוריקגעבען ה׳ עדוארד הייהמאנען דעם לעגאט פון 3000 רובעל, וואס איז געגעבען געווארען דער קהלה אויף צו קאנסערווירען די קברים פון היימאנ׳ס עלטערן פאר׳ן פראצענט פון דאזיגען לעגאט. דאס גלייכען ווערט בעשטעטיגט דער בעשלוס וועגען מאכען בעמיהונגען פארמעל צו פערשרייבען דאס קהלה-אייגענטום פון זאכארניא 56 אויפ׳ן נאמען פון דער קהלה. ביז איצט איז עס נישט געשעהן.

2 א זייגער ווערט די זיצונג געשלאסען.

—0—

א יונגעלע

פון 4 יאהר געהט אנגעטון א ברוין אנצוגעל איז פערבלאנדזשעט געווארען. אבצופיהרען צו שלמה דוד וואלף, דוואר סקא 23.

בלויז היינט דאנערשטאג פון 8 ביז 10 אוונט און מארגען פרייטאג פון 11 ביז 1 און פון 5 ביז 7 אוונט.

צענטראלער פראפ. פעראיין פון האנדעלס-אנגעשטעלטע אין פוילען
אפטיילונג לאדז, אנדזשעיא 7.

דערמיט מעלדען מיר, אז ס׳האט זיך געעפענט אן׳אפטיילונג פון צענטראלען האנדעלס-אנגעשטעלטען פעראיין, וועלכער געפינט זיך צייטווייליג אין ביורא פון ארבייטער - דירות - קאאפעראטיוו „פאראויס" אנדזשעיא 7.

אלע חברים און חבר׳טעס האנדעלס און ביורא-אנגעשטעלטע דארפען זיך קומען פערשרייבען. דאס ביורא איז אפען יעדען טאג פון 8 ביז 10 אוונט, חוץ פרייטאג.

בעמערק.: אלע ארבייטסלאזע האנדעלס-אנגעשטעלטע, וואס ווילן געניסען פון דער גמינע-שטיצע, דארפען זיך רעגיסטרירען אין די ביורא - שעה׳ן

וואס ווערט היינט געשפילט אין טעאטער / אין קינא

ארטע: „וכל מאמינים שהוא"
שטאטיש טעאטער: „דער בראווער סאלדאט שווייק".
קאמעראל טעאטער: „מאניא"
קאפולארני: „אבצרושיסטקא"
פילהארמאניע: רעציטאציע-אוונט פון פרל. ריכטער.
קאסינא: „דער גרעסטער קרבן פון א פרוי"
לונא: „ נעכט אין די וויסטענישען".
ספלענדיד: „דער דזשעז-זינגער"
גראנד-קינא: „דער פערמשפט׳ער פון סטאמבול"
פאלאס: „די רויטע שווערד".
קאפיטאל: „די אראבערין"
אדעאן: „די מזרח-בלום"
ספולדזשעלניא: „פאריזער גירלס"
וואדעוויל: „די מזרח-בלום"
קארסא: „דער געהיימניספולער מערדער"
זאכענטא: „פריכטבארקייט"

א לאמבארד-קרעדיט

אויף 25 זלאטיס איז געפונען געווארען. אבצונעמען געגען סמנים און אנאנס-קאסטען אין אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט".

לאָדזער טאַגעבלאַט

ד ר רעדאַקטאָר זעהט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
ניט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען ניט צוריקגעשיקט

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעדאַקציע 10057. אדמיניסטראַציע 100.47

אוז וואס ווייטער?

מאַרשאַל פּילסודסקי'ס אולטימאַטום צום סיום. — שמחה פון דער סאַנאַציע-פּרעסע. — דער אונהיימליכער טאָן אין די אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען.

די נייע סענסאַציאָנעלע ווענדונג אינם רעגירונגס-קריזיס האָט שוין אַרויסגערופעןברייטע קאָמענטאַרען אין דער פּרעסע.

די „סאַנאַציע" פּרעסע איז פון מאַרשאַל פּילסודסקי'ס אולטימאַטום מלא שמחה און קלינגט אויפ'ן נצחון גלאָק, אַז ענדליך וועט געשעהן, דאָס וואָס זי ...

ניט געקוקט אויף קיין זאַך יאָ געביל-דעט אַ רעגירונג. וואָסזשע וואָלט דער-פון אַרויסגעקומען? די רעגירונג וואָלט ער געשאַפען לויט זיין איינזעהן, און נישט ווי עס וויל די אָפּאָזיציע. אין דער רעגירונג וואָלט ווייטער פיגורירט מאַרשאַל פּילסודסקי אַלס קריגס-מיניס-טער. דער ענדעקישער קלוב וואָלט דאַן ...

... פון דעם קאַבינעט, פרעגט זי אין אַ גאַנץ אונהיימליכען טאָן: און וואָס ווייטער?

און וואָס ווייטער? וואָס דער מאָר-גען וועט ברענגען ווייס נאָך דערווייל קיינער נישט אין פּוילען.

—פּם.

יובילוי-פייערונג

פון ז. זילבערץ אין ניו-יאָרק.

—0—

פון ניו-יאָרק מעלדעט מען אונז: זאַנוועל זילבערץ, דער בעקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר, געוועזענער דיריגענט פון לאָדזער „הזמיר", פייערט דעם 31 מערץ ה. י. דעם צעהן יעהריגען יובילעאום פון זיין מעטיגקייט אין ניו-יאָרק. אלס אויס-דרוק פון דאַנק און פערעהרונג פאַר די 10 יאָהר אַרבייט, וואָס זאַנוועל זילבערץ האָט געלייסטעט אין ניו-יאָרק אויפ'ן מו-זיקאַלישען געביט, האָט זיך געשאַפען אַן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פון די ...

...

Zavel Zilberts, Pythiam Temple
135 West 70 str. New-Jork.

דער ווירטשאַפטליכער קריזיס אויף פּאַמאַזשע

צוגערייזטע יודען ליקווידירען איצט צוליב'ן קריזיס זייערע געשעפטען. — לאָדזער און בזשע-זשינער קאָנפעקציע. — די „וואַרען הייזער". — יודישקייט אויף פּאַמאַזשע. — אַ בעל-קורא — אַ מאַכיל טריפה'ניק. — ר' משה מאָנטעפיאָרע'ס אַ מגילה.

(רייזע-נאָטיצען) — פון ל. קאַרפּאַווסקי

ווי איך האָב שוין אין מיינע פריהער-דיגע בריף דערמאָנט, הויבט אָן אויך דאָ צו קלאַפּען דער יודישער דופק. דאָס גאַנצע יודישע לעבען און די דאָזיגע מקומות קאָנצענטרירט זיך הויפּטזעכליך אין די שוהלען און סינאַגאָגען. צוליב דער יודען-פייגדליכקייט, וואָס הערשט דאָ, האָבען זיך די יודען געמוזט בעהאַל...

טערמין אָהן יעדער געפאַר פון אַ פּליטה. קומט אָבער דער לופטרעגט פון קאָנגרעס פּוילען און גיט אוהם די „קלוגע" עצה צו רעגולירען... איז מאַקע קיין וואונדער נישט, וואָס אַ „פּליטה" ווערט שוין אויך דאָ בעטראַכט אַלס אַ וואָכעדיגער עניין און ס'איז דאָ געוואָרען אַ גאַנץ נאַטירלי-כע ערשיינונג.

און פּאַמאַזשע, וואָס האָט פון שטענ-דיג אָן געשמ'ט אַלס מקום פון פּרנסה, מאַכט מען איצט מיט צוגלייך מיט אַלע מען דעם שווערען עקאָנאָמישען קריזיס. דאָס רוב געשעפטען בעשטעהען דאָ פון „וואַרען-הייזער", סיי אין גרויסע, סיי אין קליינעם פאָרמאַט. דער אָרטיגער קאָנסומענט איז פון פּמה יאָרען געוואוינט ...

...

(ענדע זייט 6)

ווי אַזוי איז געפאַלען די פּשעמיסלער פעסטונג מיט 15 יאהר צוריק?

די לעצטע קאַמפּען, ביי וועלכע עס זענען געפאַלען 70.000 מענשען. — הונגער און שמאָט. — פאַר הונט און קעץ האָט מען געצאָהלט אין טאָג אַריין

...

„איך זעה נישט אַיין קיין שום זין פאַר שחיטות!"

„האָט איהר נישט גאָכגעקלערט ווע-גען דעם, אַז נאָך יעדען אויספאַל פער-שפּאָרען מיר אַ געוויסע צאָהל פּאַרציעס? איך האָב איהם אָנגעקוקט סוף פון חודש יאַנואַר איז דער אונ-...

(ענדע זייט 6)

...

אַנגשטאַט איהם צו שרייבען: געעהרטער דימיטריעוו, בלאָפט נים! איהר ווייסט אַזוי גוט, ווי איך, אַז אונ-זער פעלד-אַרמעע קומט שוין אַרומער די קאַרפּאַטען, אפשר וועט זי שוין אין אַלט טעג דאָ זיין, וועלען מיר רוהיג צוואַר-טען... נעמט דאָס צו קענטניש און אַזוי ווייטער.. — — האָט דער קליינער, עלטע גאַנצער גענעראַל געענטפערט, ווי אַ העלד:

„איך געפין דאָס אונטער מיין כבוד אויף אַזעלכע בעליידיגונגען בריוו צו ענט-פערן".

דער קאָמענדאַנט פון דער פּשעמיש-לער בעזעצונג".

און דריי טעג אַרום האָט דער צאַרי-שער דימיטריעוו, וועלכער האָט געהאַלטען דאָס פּלוט פערגיסען פאַר אַ אומנוצלי-כע זאַך. אַנגעהויבען מיט זיינע מיזשי-קעס, קריסטען און יודען, צווייי און דריי בעציג שעה פאָרט שטורמען די פעס-טונג. 70.000 טויטע און פערוואונדעטע זענען געבליבען ליגען פאַר די פאָרמעל-רער פון דער פעסטונג. ...

אַ קאַפּעלע הומאָר

ווערטלעך און שטעכווערטלעך

אַ גוטע פּראָטעקציע.

— ווייסט איהר נישט עפּעס פון אַ גוטען כירורג?
— יאָ, נעמט מיין איידעם.
— וואָס הייסט? אייער איידעם איז דאָך גאָר אַ לעקעך-בעקער.
— אמת, ער האָט דאָך מיר אָבער אָראָפּגענומען אַ הויקער פון די פּלייצעס... קנאַפּו.

* * *

אַנ'אייגענע מצה-בעקעריי.

— וואָס הערט זיך ביי דיר?
— איך האָב אַ מצה-בעקעריי.
— דהיינו?
— די זיהן זענען שיבער'ס (שיבען אין מויל אריין), די טעכטער סיהרען ס'רעדעל, מיין ווייב דערלאַנגט דאָס וואַרגעלהאָלץ און גיט פייער, און די שווינגער פערקנעט אַ טייגעל. קנאַפּו.

געוו. פראַנצויזישער יוסטיץ-מיניסטער וועגען דער סיטואַציע אין ארץ-ישראל

איז אַ קוה-שטאַל פון בעל-מסוף. — קאָמוניסטישע אויפרופען געגען יודישען ישוב. — דער קאָמוניזם איז דער גרעסטער שונא פון יודישען אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל

אַ מיטאַרבייטער פון „ניעם וואַנעד ישראַעל" האָט די טעג געהאַט אַ גע-ספּרעך מיט'ן געוו. פראַנצויזישען יוס-טיץ-מיניסטער זשוסטין גאָדאַר וועגען זיין רייזע אין ארץ ישראל. ה' גאָדאַר ...

אַז די יודען אין ארץ ישראל שטרעבען דאָרט אויפצובויען אַ באָלשעוויסטישע מלוכה. אויף מיין רייזע אין ארץ ישראל האָב איך אויך אָפּגעטרעטען אין דער קאָלאָניע תל-יוסף. די פיהרער פון דער קאָלאָניע האָבען מיר געוויזען אַלע איינ-...

געוועזען ווירקליכע קאָמוניסטען, וואָלטען מיר שוין דאָן נישט געהאַט קיין שענער און בעסער אָרט, ווי אויסצוקריצען דעם ראָזיגען עמבלעם. על כל פנים וואָלטען מיר עס נישט געמאַכט אין אַ קוה-שטאַל ...

...

(ענדע זייט 6)

לאדז — 27. מערץ 1930 — דאנערשטאג, כ"ז אדר תר"ץ — פ' ויקהל פקודי — זון-אויפגאנג: 5.35 — זון-אונטערגאנג: 5.51

טאג-כראניק

גנבה פון וויין און שפּריט.

(ו) אין אלקאהאל-געשעפט פון פרימשע אויף שייבלער'ס מארק איז אין דער פאריגער נאכט אויסגעפיהרט געווארען א גנבה פון וויין און שפּריט אויף א סומע פון 9500 זל.

מצות אין לאדז.

(:) די לאדזער מצה-בעקערייען ווערען איצט שוין צוגעגרייט צום אויסבאקען מצות. מיט דער „גאנצער פארע" וועט מען אנהויבען באקען מצות ערשט די נ"ע וואך.

וויכטיגע ידיעות פאר עמיגראנטען

לאדזער יודען פאהרען זיך לערנען ערד-ארבייט

„יעאס" עפענט נייע שפראך-קורסען

(:) געקומען איז אפגעפאהרען מיט דער קאלישער באהן א גרעסערע גרופע לאדזשער יוגנטליכע אין א דארף הינטער קאליש צו ערלערנען ערד-ארבייט. די גרופע איז געשיקט געווארען דורך דער הינגער אפטיילונג פון דער יודישער צענטראלער עמיגראציע געזעלשאפט „יעאס".

דאס איז שוין די צווייטע גרופע פון לאדז, וועלכע איז היי-יאהר געפאהרען אין דערמאנטען דארף אויף לאנד-ארבייט.

די ערשטע גרופע איז אפגעפאהרען מיט צוויי וואכען צוריק

* * *

— די געוואלדיגע שוועריגקייטען, וואס זענען פערבונדען מיט דער עמיגראציע, די כסדר'דיגע בעגרעניצונגען, וואס ווערען לעצטענס געמאכט אין כמעט אלע עמיגראציע-לענדער, לייגען ארויף אויף די עמיגראנטען בעזונדערע פליכטען. קיים האט שוין ווער דערשלאגען זיך צו קענען עמיגרירען, דארף ער לכל הפחות האבען די זיכערקייט, אז אהינקומענדיג אינ'ם נייעם לאנד, וועט ער זיך קענען איינארדנען.

דערצו איז נויטיג א פאך און די שפראך פון דעם בעטרעפענדען לאנד. דאס בעזיצען די לאנדעס-שפראך פון אימיגראציע-לאנד, האט גאנץ אפט א ענטשיידענדע בעדייטונג פאר'ן גורל פון דעם ניי-אנגעקומענעם.

כדי צו ערמעגליכען די עמיגראנטען צו ערלערנען די נויטיגע שפראך, זענען דורך דער הינער אפטיילונג פון „יעאס" געעפענט געווארען שפראך-קורסען פאר שפאניש, ענגליש, פראנצויזיש און פארטוגעזיש.

עס עגזיסטירען שוין אזעלכע 7 גרופען. דערביי מוז צוגעגעבען ווערען, אז די קורסען ווערען בעזוכט אויסשליסליך פון עמיגראנטען.

צוליב דער גרויסער צאהל נייע קאנדידאטען אויף די שפראך-קורסען, איז בעשלאסען געווארען צו עפענען פון 1. אפריל נייע גרופען פאר אנפענגער. ס'ווערען געעפענט גרופען פאר פראנצויזיש, שפאניש און ענגליש. איינשרייבען קען מען זיך אין ביורא פון „יעאס" פיעטריקאווער 10 פון 10 ביז 2 בייטאג.

א קינד דערשטיקט אין אן אויטא

רעטזעלהאפטע מארד-געשיכטע פון א לאדזער חעשען

(§) אין אויטאבוס, וואס קורסירט צווישען לאדז און קאזשעמניקי האט געלעגען באמירט א זעהר פערדעכטיגע מעשה. אין אויטא זענען געפאהרען עטליכע פאסאזשירען, דערונטער אויך די וועשען קאמשינסקא פון לאדז מיט א קליין קינד, א מיידעלע. ווען דער אויטא איז אנגעקומען קיין אלעקסאנדער און די פאסאזשירען זענען אראפ פונ'ם אויטא האט די קאמשינסקא א געשריי געטאן: דאס קינד איז מיר דערשטיקט געווארען! אזוי, ווי די פרוי האט זיך די גאנצע צייט פון דער רייזע געהאלטען זעהר פערדעכטיג, האט מען דאס קינד איבערגעשיקט אין פראזעקטאריום, ווייל עס איז דא א חשד, אז דאס קינד זאל נאך זיין דערשטיקט געווארען אין לאדז. מיט דעם רעטזעלהאפטען ענין פערנעמט זיך איצט דער אויספארשונגס-אמט.

פאדערט איבעראל
יין כשר
שולדענריי'ס
כשר לפסח!

בעשטעטיגונגען אויף רעגיסטראציע פון יאהר-גאנג 1909

די מיליטערישע אפטיילונג ביים מאגיסטראט מעלדעט די פאכאראנען פון יאהרגאנג 1909, וועלכע האבען זיך געשטעלט צו דער רעגיסטראציע און האבען ביז איצט נישט דערהאלטען קיין בעשטעטיגונגען וועגען דעם, אז זיי זענען רעגיסטרירט, — זאלען זיך ווענדען נאך די בעשטעטיגונגען אויף פיעטריקאווער 212, פענסטערל 10.

2 יאהר אויסבעסערונגס-הויז

פאר פערשפרייטען קאמוניסטישע בלעטלער

(§) אין לאדזשער קרייז-געריכט איז געלעגען פארגעקומען א פראצעס געגען דער 24-יעהריגער רוטא לעווין, וועלכע איז אנגעקלאגט געווארען אין פערשפרייטען קאמוניסטישע אויפרופען צווישען די ארבייטער פון שייבלער'ס פאבריק בעת דער רעוויזיע זענען ביי איהר געפונען געווארען 300 פלוג-בלעטלער. זי איז פער'משפט געווארען אויף 2 יאהר אויסבעסערונגס-הויז.

ווער בעמיהט זיך וועגען א וואוינונג אויף „פאלעשיע"?

(מ) די, וואס בעמיהען זיך וועגען דירות אין די שטאטישע הייזער אויף „פאלעשיע", קענען נאך בעקומען די פארמולארען דאנערשטאג, פרייטאג און שבת פון דער היינטיגער וואך פון 8 פריה ביז 3 נאכמיטאג אין דער אדמיניסטראציע פון דער וואוינונגס-קאלאניע אויף סרעבזשינסקא גאס. יעדער פארמולאר קאסט 1 זל. אויף יעדען פארמולאר איז אנגעצייכענט א טאג, אין וועלכען ער דארף צוריקגעגעבען ווערען אנ'אויסגעשריבענער.

א טויט קינד צווישעד מיסט

א שרעקליכע „מציאה" פון א פויער

(§) דער פויער מיכאל ציעשלאק האט ביי דאנבערפיהרען מיסט פון לאסק אין פעלד אריין געפינען צווישען דעם מיסט א טויט יונגעלע. דאס קערפערל האט שוין אנגעהויבען צו פוילען. דער פויער האט תיכף וועגען דעם מודיע געווען דעם פאליציי-פאסטערונעק אין לאסק.

אלס פערדעכטיגע אינ'ם פערברעכען איז ארעסטירט געווארען די 19-יעהריגע אירענא שישיק פון לאסק. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די שישיק האט געבוירען דאס קינד אין קלויזעט דארט האט זי עס דערווארגען און אריינגעווארפען אין מיסט.

לאדזער שפינערײ-פארשטעהער קאנפערירן

מיט'ן אמעריקאנער פינאנץ-יועץ ה' דעוועי

פארשטעהער פון די לאדזשער בוימוואל-שפינער, די ה"ה גוסטאוו גייער און סטעפאן אסטער, האבען אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן אמעריקאנער פינאנץ יועץ ה' דעוועי אין ווארשא. ה' דעוועי האט זיך אינפארמירט וועגען דער איצטיגער ארגאניזאציע פון בוימוואל-קארטעל. מיט וועלכען ער אינטערעסירט זיך שטארק. ה' דעוועי האט זיך אויך געפרעגט וועגען די לאמבארד-קרעדיטען פאר דער אינדוסטריע. דער אמעריקאנער פינאנץ-מומחה האט דערביי זיך ארויסגעזאגט, אז ביי דער רעפארטיציע פון די קרעדיטען מוזען אויך זיין בעטיליגט די אקציען-בענק, כדי אויף אזא אופן צו פערלייכטערן די גאנצע פראצעדור און צואיילען די רעטונגס-אקציע פאר דער גאנצער פוילישער אינדוסטריע בפרט פאר דער לאדזשער.

ה' דעוועי האט אויך בערוהרט די ראל פון קארטעל ביים פערטיילען די קרעדיטען צווישען די בעזונדערע פירמען און צו בעשטימען דעם „לאמבארד-ווערט" פאר גארן, ווי פאר פארטיגע סחורות.

דער אמעריקאנער פינאנץ-ראט האט צוגעזאגט די ה"ה גייער און אסטער אינגאנצען אונטערשטיצען זייערע ווייטערדיגע בעמיהונגען צו סאנירען די פערהעלטנישען אין די בוימוואל-שפינערייען.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע זאל — נארוטאוויטש 20 —
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן
4 לעצטע געזעגנונגס-פארשטעלונגען פון
קלארא יאנג
20 נומערן געזאנג | פרייטאג, ד. 28-טען, מאנטאג, ד. 31-טען, 9 אוו. | 20 נומערן געזאנג
שא, דער רבי פאהרט
אין 3 אקטען פון בועז יונגביץ. רעזשיסירט פון מחבר. הויפט-ראל רבי ר' בערישל — קלארא יאנג. — ספעציעלע קאסטיומען.
פערשטארקטער כאר — פערגרעסערטער ארקעסטער.
שבת, 4 נאכמיטאג, צו ביליגע פרייזען, די שוין לאנג נישט געשפילטע פיעסע
כל-נדרי
היסטארישע אפערעטע אין 4 אקטען פון שארקאנסקי, בארטעלא — מ. טרילינג.
שבת, ד. 29-טען, זונטאג, ד. 30-טען, 9 אוונד, לטובת דער פסח-אקציע ביים פעראיין תומכי-אורחים. צום ערשטען מאל אין לאדז
פרעמיערע! קלארא יאנג אין א נייער קרעאציע! — דער לעצטער שלאגער! — פרעמיערע!
איהר חתונה
אין 3 אקטען מיט געזאנג, — רעזשי — בועז יונגוויץ — קלאר יאנג אין הויפט-ראל
בעמערקונג: ווער עס קויפט א בילעט בעקומט צום אנדענקען א פאטאגראפיע פון קלארא יאנג.
עס נעמט אנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאן, מאכאראווסקא, נערה און פאדערמאן, מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, נייהויז, פאלאנסקי און ראקאוו.
מוזיקאלישע לייטונג — ל. זעלמאן.
בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.
אנאנס!!! מיטוואך, ד. 16 אפריל (2. טאג חול המועד פסח) 9 אוו.
א פייערליכע פארשטעלונג לכבוד דעם 20-יעהריגען יובי-לעאום פון סופלער— וואלף נייהויז
געניסט אין די ווייטערדיגע אנאנסען

שטיצע פאר ארבייטס-לאזע אין פעברואר?

(מ) דער שטאטישער אונטערשטיצונגס-פאנד האט אויסגעצאהלט וויפיל שטיצע פאר'ן חודש פעברואר 3426 ארבייטלאזע אויף א סומע פון 105,420 זל.

אויפ'ן חודש מערץ זענען רעגיסטרירט 4148 פערזאנען אויף שטיצע.

נייע מעלדונגס-פארשריפטען.

(§) לויט די נייע מעלדונגס-פארשריפטען, וואס ווערען איצט אויסגעארבייט וועט געפיהרט ווערען א נייע רעגיסטראציע פון די פערזאנען, וואס פאהרען ארויס פון זייערע היימען.

פנחס נאדעל

(א ווארט צו זיין יובילעאום)

דער נאמען פנחס נאדעל איז אין יודישען לאדז א שם-דבר; עס איז נישטא כמעט קיינער צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען צווישען גרעסערע שטאט, וואס זאל שוין נישט האבען געקומען אין בערוהרונג מיט ה' פנחס נאדעל, פון איהם עפעס פערלאנגט עפעס געבעטען, עפעס אויסגעפועל'ט.

ה' נאדעל קאן מען זאגען, האט דאס גאנצע יודישע לאדז אויפ'ן קאפ. דער עול, וואס לאסטעט אויף איהם שוין פולע 10 יאהר, אלס אנפיהרער פון גרויסען ארמינויסטראטיווען אפאראט, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די לאדזער יודישע קהלה, האט אים פערוואנדעלט אינם אייגענטליכען רעגולאטאר פון די אינערליכע ענינים, אז ער האט זיך מיט דער צייט דערהויבען צו דער מדרגה פון פאקטישען דירעקטאר, נאכמעהר, צום פאקטישען אנפיהרער מיט דער קהלה-ווירטשאפט אין בעסטען זין פון ווארט.

דערפון זיין גרויסע פאפולאריטעט, דערפון די גרויסע פערטרויענסווערדיגקייט וואס עס פיהלט זיך אינם ערלעדיגען אלע זיינע וויכטיגע פונקציעס אויף זיין ווירדיגען פאסטען.

מען דארף האבען געשטאנען מיט ה' פנחס נאדעל במשך פון יאהרען אין קאנטאקט, כדי צו איבערצייגען זיך, וואס ער איז פאר דער לאדזער יודישער קהלה. ער איז איהר אלץ מיטאנאנד, איהר נשמה. אהן איהם ווערט קיין שום וויכטיגער ארמיניסטראטיווער ענין פון דער קהלה נישט דורכגעפיהרט. ער איז דער פערשטענדיגער בעל-יועץ פון אלע ביזהעריגע קהלה-פרעזעסען, וועלכע האבען זיך אין די לעצטע יאהרען שוין פיל מאל געביטען.

נישט אומזיסט האט, ווינט אויס, ה' פ. נאדעל געהאט פאר זיך אזא חשוב'ן פארגעהער און לעהרער, ווי עס איז געווען דער פערשטארבענער איגזשעניער שווארצמאן, דער אויסגעצייכענטער קעגנער פון זעלבסט-פערוואלטונגס-וועזען.

ה' פ. נאדעל, דער אויסגעצייכנטער סעקרעטאר, מיט וועלכען די לאדזער יודישע קהלה מעג שטאלצירען, איז אויך א מאן פון נאבעלע מידות, אנ'ארבייטסזאמער און געמיטליכער און כאראקטער.

היינט, אינ'ם טאג פון פנחס נאדעל'ס צעהן-יעהריגען טעטיגקייטס-יובל אויף זיין וויכטיגען פאסטען, דארפען די דאזיגע ווערטער נישט געזאגט ווערען ספעציעל צוליב זיין פערדינסטען לויב, נאר כדי איהם צו שטארקען און אנרעגען צו ווייטערדיגער פרוכטבארער ארבייט אויפ'ן געביט פון מיטהעלפען א ניי ראפעאניזירען דאס קהלה-וועזען אין לאדז.

ה' פנחס נאדעל איז נאך יונג, מ'קאן אויף איהם לייגען האפנונגען.

י. מ.

וואיאזשארען און האנדעלס-אגענטען אין לאדז

(—) אויף דער לעצטער אלגעמיינער טומולטער-פערזאמלונג פון לאדזשער פעראיין פון האנדעלס-אגענטען און וואיאזשארען איז שטארק דיסקוטירט געווארען די פראגע וועגען די סאציאלע-ערגאבערונגען פון די וואיאזשארען, וואס זענען געזיכערט דורכ'ן געזעץ.

אין דער נייער פערוואלטונג זענען די ה"ה: י. נאיעווסקי, ה. ראזענבלאט, י. בערגער, א. בלומענטאל. מ. אבראמאוויטש און מ. צימער.

אכטונג ארבייטסלאזע האנדעלס- און ביורא-אנגעשטעלטע!

אלע ארבייטסלאזע, וועלכע ווילען זיך פערשרייבען אויף דער פסח-אונטערשטיצונג פון דער קהלה, דארפען זיך רעגיסטרירען היינט דאנערשטאג ד. 27 ד. ח. אין די ביורא-שעה'ן פון 7 ביז 9 אוונט אין דער קאנצעלאריע פון פעראיין, נארוטאוויטשא 30.

די פערוואלטונג פון דער לאדזער אפטיילונג פון אלגעמיינעם פראפ. פעריין פון האנדעלס און ביורא-אנגעשטעלטע אין פוילען.

דער האנדעל מיט אפיום

קאמוניזם און קרעמעריי

פון ד"ר א. מוקדוני

„רעליגיע איז אפיום פאר'ן פאלק".

די דאזיגע לענינ'ס ווערטער פלאקאטען איבער'ן קרעמעל, זיי זענען צוגעקלעבט צו אלע פאבריקען און באמבלען זיך ביי יעדע קאמוניסט אויף די ליפען.

רעליגיע איז אפיום עס פערטומעלט און פערפינצטערט דעם מח פון פאלק.

אפיום איז סם, עס איז אבער א סם, וואס בעפארבט די פאנטאזיע; עס איז א סם, וואס גיט א זיסען, שפילעוודיגען און רייצענדיגען טויט.

ציהען זיך מענשען צו דעם דאזיגען סם און דערפאר איז דער דאזיגער סם דער געפעהרליכסטער, ער איז דער געפעהרליכסטער, ווייל ער איז דער אנגענעהמסטער.

איז דער האנדעל מיט אפיום פערבאטען אויף דער גאנצער וועלט. רעגירונגען געבען שטרענג אכטונג אויף דעם, מען נישטערט די פעקלעך אויף די גרענעצען. מען יאגט זיך נאך אפיום-שמוגלער, ווי נאך געפעהרליכע, צוקענדיגע חיות.

בלויז פאר מעדיצינישע צוועקען איז אין יעדען לאנד ערלויבט צו האבען אפיום, אבער דאס דאזיגע ביסעל אפיום ווערט ארויסגעגעבען בלויז אויף דער פאדערונג פון א דאקטאר.

בכלל, ווער ווייס נישט די שטרענגקייט, מיט וועלכער מען בעוואכט ערלויבטען ביסעל אפיום?

און מען מוז מודה זיין, אז די סאוויעט-רעגירונג איז זעהר שטרענג בנוגע דעם געברויך פון לענינ'ס אפיום, בנוגע דעם געברויך פון רעליגיע-אפיום.

אויב עס איז אפיום, דארף מען עס בעהאנדלען ווי אפיום, אויב גייסטיגער סם איז אזוי געפעהרליך, ווי פיזישער, מוז מען אויך האלטען אנ'אויג, א שטרענג אויג.

מיט אזוי מאכט די סאוויעט-רעגירונג. און זי איז קאנסעקווענט.

א רעגירונג. אפילו די סאוויעטישע רעגירונג, איז דאך א מאמע א געטרייע צו איהרע אונטערטאנען. זי דארף אפהיטען איהרע אונטערטאנען פון אלע בייזע און שעדליכע זאכען

פערשטעה איך בשום אופן נישט פאר וואס די קאמוניסטען לייקענען, אז מען פערפאלגט די רעליגיע אין רוסלאנד.

לענין האט געזאגט - - רעליגיע איז אפיום פאר'ן פאלק.

דער קאמוניזם האט געהייליגט די דאזיגע ווערטער, ער האט עס אנגענומען ווי דעם גרעסטען און וויכטיגסטען געבאט אויף זיינע רויטע לוחות.

און אפיום איז אפיום!

הייסען מיר געזאגט, אז אין רוסלאנד ווערט דער רעליגיע-אפיום בעהאנדעלט ריכטיג ווי דער פיזיש'ער אפיום אין אלע אנדערע לענדער.

און מיט אמאל שטעלט איך פאר אזא משונה'דיגע מעשה —

עס שטעלט זיך ארויס, אז די סאוויעט-רעגירונג האנדעלט נאר אליין מיט דעם דאזיגען געפעהרליכען אפיום, זי האנדעלט מיט'ן אפיום אפיציעל, ד. ה. די סאוויעט-רעגירונג האנדעלט זיך אונטער מיט רעליגיעזע ספרים, זי איז זיך א מוכר-ספרים'ניצע פון פרומע, גאטספארכטיגע רעליגיעזע ספרים

די האנדעלס-פערטרעטערשאפט פון סאוויעט-רוסלאנד אין אמעריקא האט צווישען אלע כשר'ע רוסישע פראדוקטען אויך דעם רעליגיעזען אפיום צו פערקויפען.

די יודישע צייטונגען האבען געזאגט, אז די סאוויעט-רעגירונג האט די דאזיגע רעליגיעזע ספרים קאנפיסקירט, פשוט צוגענומען מיט געוואלט ביי יודישע אנשטאלטען און יחידים און האט זיי אריבערגעשיקט צו איהר האנדעלס-פערטרעטערשאפט אין אמעריקא.

האט זיך די הייגע סאוויעטישע האנדעלס-פערטרעטערשאפט שטארק בעליידיגט — וואס הייסט עפעס אזא ווסטען בלבול! ניין, זי האנדעלט עהרליך מיט דעם דאזיגען אפיום. זי פערקויפט איהם אוי-כשר אויף דעם בורזשואזען אופן. די אפיום-פלאנצער אליין — די רבנים זענען דא מיט זייער חתימה ביי יעדער קניה. עס ווערט געפיהרט א מסחר אנ'אפענער, א לעגאלער, מיט צוויי צדדים — א קויפער און א פערקויפער, מיט ריכטיגע קאנטראקטען, מיט קאנטראקטען אויף העברעאיש און מיט געצוקטע רבנישע אונטערשריפטען.

און די דאזיגע אפיציעלע סאוויעטישע האנדעלס-פערטרעטערשאפט האט צוגעשטעלט די יודישע צייטונגען קאפיעס פון שטר מכירות, דאס הייסט, רעליגיעזע קאנטראקטען..

זיי האבען א חוש פאר הארמאניע, די דאזיגע קאמוניסטישע קרעמער; רעליגיעזע ספרים ווערען געקויפט מיט רעליגיעזע קאנטראקטען!

אזא וואונדערליכע אויסגעהאלטענקייט אין סטיל אפילו אין קרעמעריי, אזא ראפינירטע און געצירקעלטע מאלעראניי, אזא פיינפיהליגקייט און אזעלכע עלעגאנטע מאנירען אין מקח וממכר.

עס איז עפעס צו אידיליש פאר'ן באלשעוויק. אזוי אידיליש, אז עס איז כמעט ריינע מאזעזע, עס איז אזוי איבערטריבען פאטעטיש, אז עס איז פשוט א נארישער, געמיינער און גראבער קרעמערשער ליגען.

און דער דאזיגער ליגען איז נישט קיין צופעליגער, ער איז אריינגעוועבט אין דעם גאנצען לעבען, אין דעם סיסטעם און אין דעם גאנצען שמיינער פון דעם איצטיגען סאוויעט-רוסלאנד.

———

ווען א רעגירונג, וואס דארף אכטונג געבען אויפ'ן קרעמער, ווערט אליין דער קרעמער איז זי אין פיל פרטים געמיינער צוגווישער און שווינדלערישער פאר'ן פריוואטען קרעמער; דער פריוואטער קרעמער מוז אנקומען צום קונה. ער מוז האבען דעם צוטרויען פון קונה און ער זוכט דורך עהרליכקייט און רעעלקייט צו געווינען איהם.

אין פריוואטער קרעמער קאנקורירט מיט'ן אנדערען מיט דעם, וואס ער איז עהרליכער, רעעלער פון איהם, קאנקורענץ איז בעצם דאס אויסגלייכען זיך מיט עהרליכקייט און מיט רעעלקייט.

דער רעגירונגס-קרעמער, דער סאוויעטישער הענדלער, דארף מיט קיינעם נים קאנקורירען, ער דארף זיך נישט אויספיינען פאר וועלכען עס איז קונה מיט עהרליכקייט און רעעלקייט.

און ער מעג אפילו בעגעהן א שווינדעל אויך, ווארום נישט פאר זיינע פריוואטע נוצען טוט ער עס, ער שווינדעלט פאר'ן כלל, פאר דער דערלייזונג פון דער וועלט, פאר איהר איבערבוי און איהר איבערגעבורט.

מעג ער אלץ.

און אגב איז דאך די איצטיגע מאראל א בורזשואזע, מאראל וואס דארף היינט מארגען אומקומען און אויף איהר ארט דארף אויפקומען א נייע מאראל, רעכענט מען זיך נישט מיט א מאראל, וואס גוסס'ט.

רעליגיע איז אפיום, קיינער, פערשטעהט זיך, טאר נישט האנדלען מיט רעליגיעזע ספרים אין רוסלאנד קיינער טאר זיי נישט קויפען און פערקויפען, אז עס איז אפיום, און אזא אפיום איז עס, וואס מען בענוצט נישט צו מעדיצינישע צוועקען, דארף ער זיך אין קיין קוואנטום נישט געפינען אין סאוויעט-רוסלאנד.

אבער די סאוויעט-רעגירונג איז אליין א קרעמער און זי מעג, זי מעג האנדלען מיט אלץ. אפילו מיט רעליגיעזע ביכער.

זי מעג אין איהרע געשעפטליכע טראנזאקציעס אריינציהען דעם רב אפילו און דא אנערקענען פאליצייליך זיין רעליגיעזע אויטאריטעט

און אין דעם גרויסען אויספערקויף פון דער אמאליגער גרויסער רוסישער בעל-הבית'ישקייט זענען אריינגעפאלען פעקלעך יודישע ספרים, ארומע, אלטע יודישע ספרים...

קרוינען, דימענטען און אנדערע עשירות'ן האט דאס רוסישע פאלק געגעבען צו דעם גרויסען אויספערקויף און יודען האבען עטליכע פעקלעך אלטע ספרים צום אויספערקויפען צוגעטראגען.

געהען יודישע אלטע ספרים פון רוסלאנד קיין אמעריקא צום פערקויף.

די מעכטיגע, וועלט-איבערבויערישע סאוויעט-רוסלאנד איז די מוכר ספרים'ניצע. זי טראגט ארום אלטע יודישע ספרים צו פערקויפען.

אלטע יודישע ספרים, דאס זענען די יודישע אנטיקען, וואס זענען פון רוסלאנד ארויסגעווארפען געווארען אויפ'ן מיסט'ן וועלט-מארק.

אלטע יודישע ספרים, זיי האבען זיך א לאז געטאן איבער דער וועלט מאכען עטליכע גראשען פאר סטאלינ'ס פינף-יעהריגען פלאן...

———

דאס פערקויפט אויס דער יעווסעק דאס ארום ביסעל יודישע בעל-הבית'ישקייט, דאס ביסעל יודישע ספרים, וואס איז געבליבען אין רוסלאנד

דאס האט דער יעווסעק אזוי קלוג, אזוי געשיקט און אזוי פלינק דורכגעפיהרט די פלומר'שטע טראנזאקציע; מיט שטר מכירות און מיט רבנישע חתימות זענען די ספרים אוועק איבער דער וועלט.

נישט קאנפיסקירטע, נישט סתם אפגענומענע, נאר געקויפטע ספרים זענען עס. די סאוויעט-רעגירונג האט זיי געקויפט פאר געשעפט, פאר'ן פערקויף מיט

(ענדע זייט 6)

קאמוניקאט

אין צוזאמענהאנג מיט די קלאגען, אז דער ראבינאט מאכט פלומרשט שוועריגקייטען בעם כשר'ן די איוועגס אויף באקען מצות, שטעל איך פעסט אויפ'ן סמך פון א גענויער חקירה ודרישה ביי אי"ם ראבינאט, סיי ביי די פארשטעהער פונ'ם בעקער-צעך, אז די דאזיגע ידיעות ענטשפרעכען לגמרי נישט דער ווירקליכקייט.

עד היום האט זיך קיינער בכלל צום ראבינאט וועגען כשר'ן איוועגס נישט געווענדעט, מחמת די בעקערס האבען געשלאסען יד-אחת נישט אנצוהייבען לעת-עתה צו באקען קיין מצות, כדי צו קענען בעשטימען מקחים לויט זייער איינזעהן.

די קהלה מאכט אויפמערקזאם די יעניגע פערזאנען, וואס האבען בדעה היי-יאהר זיך צו פערנעהמען מיט באקען מצות, אז זיי קענען זיך ווענדען שוין איצט צום ראבינאט וועגען כשר'ן די איוועגס.

קיין ערלויבנישען אויף באקען ביינאכט וועלען בשום אופן נישט ארויסגעגעבען ווערען.

אלע געשלאסענע קעהלער בעקערייען וועט ערלויבט ווערען צו באקען מצות דעם גאנצען פאר פסח.

פרעזעס פון דער קהלה-פערפערוואלטונג אין לאדז

(—) י. ל. מינצבערג.

טו"אגישער טויט פון א יודישען יונגערמאן

זיך אויפגעהאנגען אין געשעפט, וואו ער איז געווען אנגעשטעלט

(—) אין לאדז האט נעכטען ארויסגערופען גרויס אויפזעהן א זעלבסטמארד פון א 35 יעהריגען יוד, גוט בעקאנט אין די לאדזער האנדעלס-קרייזען.

אין געשעפט פון „יאשינסקי און ווישעוויאנסקי" (פיעטריקאווער 46) האט געארבייט אלס בוכהאלטער דער 35-יעהריגער ה. פון זיין ארבייט זענען די געשעפטס-אינהאבער געווען זעהר צופרידען. ער איז בכלל געווען א רוהיגער און סאלידער מענש.

נעכטען בייטאג, ווען דאס גאנצע פערסאנאל איז געגאנגען צו מיטאג איז ה. נאך איבערגעבליבען אין געשעפט. ווען די אנגעשטעלטע זענען צוריקגעקומען, האבען זיי זיך פערוואונדערט, וואס דאס געשעפט איז נאך געשלאסען. עס זענען אויך אנגעקומען די בעלי-בתים פון דער פירמע, מען קלאפט אהין, מען עפענט נישט.

מען האט דאן געעפענט דאס געשעפט און צו אלעמענס ענטזעצונג געפונען אנ'אויפגעהאנגענעם דעם בוכהאלטער. אלע בעמיהונגען דעם געהאנגענעם צוריקצוברענגען צום לעבען האבען זיך ארויסגעוויזען פאר צושפעט.

דער טראגיש-אומגעקומענער האט איבערגעלאזט א פרוי מיט אנ'איינציג 7-יעהריג קינד.

די סבה פונ'ם טראגישען שריט איז אומבעקאנט. קיין פאמיליען-סיבה איז דערביי זיכער נישט געווען דאס פארפאלק האט זעהר גוט געלעבט צווישען זיך. זיין פאסטען, אויף וועלכען ער האט געארבייט, איז אויך געווען א גאנץ גוט בעצאהלטער.

* * *

וועגען די לעצטע שעה'ן פון זעלבסטמערדער איז אונז געלונגען צו בעקומען פאלגענדע פרטים:

נעכטען פריה האט ער, פאר'ן אוועקגעהן אין געשעפט, זיך הארציג געזעגענט מיט זיין פרוי און איהר ערקלערט, אז ער פאהרט ארויס מיטאג-צייט מיט זיין שעף ד"ר ווישעוויאנסקי אויף אינקאסא קיין קראקא. ער וועט געווים שוין נישט קענען אהיימקומען מיטאג-עסען, דערפאר געזעגנט ער זיך מיט איהר.

אין געשעפט ווידער האט ה. ערקלעהרט, אז ער וועט פריה צוריקקומען פון מיטאג, דערפאר וויל ער, מען זאל ביי איהם איבערלאזען די שליסלען. זיין וואונש איז ערפילט געווארען. ווען דאס פערסאנאל איז צוריקגעקומען, האט מען געמוזט אויפברעכען די טיר און עס איז פעסטגעשטעלט געווארען די שוידערליכע פאסירונג.

ביים אומגעקומענעם איז געפונען געווארען א קליין צעטעלע, אנגעשריבען מיט א בלייפעדער און דער לעצטער מינוט פאר'ן אויספיהרען די שרעקליכע טאט, אדרעסירט צו זיין פעטער, וועלכער האט א מאנופאקטור-געשעפט אויף פיעטריקאווער 35. און דעם בריוועל בעט דער זעלבסטמערדער, אז זיין פעטער זאל זיך פערנעהמען מיט'ן גורל פון זיין פער'יתומ'טער פרוי און קינד.

דער טראגישער טויט פון אומגעקומענעם יונגען מאן האט און שטאט ארויסגערופען אויפריכטיגען טרויער.

חסר של אמת" מאכט בעמיהונגען, מען זאל דעם זעלבסטמערדער נישט פאלמעסען.

—:0:—

60 פראטאקאל'ען פאר נישט ריינקייט

(§) די פאליציי האט נעכטען דורכגעפיהרט א קאנטראל איבער דעם סאניטארען און היגיענישען צושטאנד פון די סטראגאנעס און פערקויף-שטעלען אויף נייעם מארק. עס זענען געמאכט געווארען 60 פראטאקאלען פאר נישט אפהיטען די סאניטארע פארשריפטען אין האנדעלס ערטער.

היינט דאנערשטאג 2 א זייגער מיטאג קומט צו פאהרען אויף דעם פאבריקס-וואקזאל דער נייער מורה-הוראה הרב הגאון ר' משה ווייס פון סאסנאוויצע, וועלכער פערפאהרט גלייך אין זיין וואוינונג פיעטריקאווער 69.

דער רב קומט אין בעגלייטונג פון איינינע רבנים און פיל אנגעזעהענע פערזענליכקייטען.

אינערן-מיניסטעריום רעגולירט אינקאסא-פראגע פון קהלה

עקזעקוציע-קאסטן פאר ארימעלייט איצט גרעסער, ווי פריהער

(§) די לאדזער יודישע קהלה האט אין זיין צייט געפאדערט פון מאגיסטראט צו פערקלענערען דעם פראצענט פאר די איינקאסירטע געלדער פאר'ן קהלה-עטאט — פון 10 אויף 5 פראצענט. דער מאגיסטראט האט נישט מסכים געווען דערויף. צוליב דעם האט די קהלה זיך געווענדעט צום אינערן-מיניסטעריום און אנגעוויזען, אז די צו-הויכע אינקאסא-פראוויזיע פון מאגיסטראט בעלאסטעט צו פיל די ארימע יודען, וועלכע מוזען ביים מינימאלסטען עטאט-סום פון 10 זל. בעצאהלען 1 זל. פראוויזיע און 5 פראצענט עקזעקוציע-קאסטען. איצט האט דאס מיניסטעריום שוין אנגענומען א דעציזיע וועגען דעם. דער מאגיסטראט וועט נעמען און אלגעמיין פאר'ן איינעמהען עטאט בלויז 5 פראצענט, אבער ד' עקזעקוציע-קאסטן, וואס בעטרעפען ווייטער אויך 5 פראצענט קענען נישט זיין קלענער, ווי 5 זל. אויף אזא אופן וועט יעדער ארימער עטאט-צאהלער, וואס זיין עטאט-סומע בעטרעפט 10 זל., און פאל פון עקזעקוציע דארפען בעצאהלען אנשטאט 1,50 זל. ארום און ארום (ווי עס איז געווען פריהער) גאנצע 5 זל. פלוס 50 גר. ד. ה. אנשטאט די פריהעריגע 11,50 זל. גאר צו 15,50 זל. דאגעגען איז די נייע פעראָרדענונג א פערליכטערונג פאר די צאהלער פון גרעסערע עטאט-סומעס.

אינטערוועניץ צו לאזען איין גאנג

אלע לאדזער טעקסטיל-פאבריקען

(וו) אויף א פערזאמלונג פון לאדזער טעקסטיל ארבייטער איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו די מיניסטעריום'ס פאר ארבייט און האנדעל וועגען מיטווירקען צום לאזען אין גאנג אלע לאדזער טעקסטיל-פאבריקען.

העכסטער אדמיניסטראטיווער טריבונאל

וועגען אונמעגליכקייט איינצומאהנען חובות

(§) לויט אנ'אורטייל פון העכסטען אדמיניסטראטיווען טריבונאל האט דער בעל-חוב די פולע פרייהייט בנוגע דעם בעשטימען די קוואליטעט פון די בעווייזען אויף דער אונמעגליכקייט פון איינמאהנען דעם חוב, אדער אויפווייזען די ספיקות בנוגע דער תביעה, און אז די פינאנץ-מאכט האט נישט קיין רעכט אן דעם פרט צו קוועלען די צדדים און פון זיי צו פאדערן, למשל, צו בעשטעטיגען דעם פאקט פון באנקראט.

לאדזשער קאמעראל-טעאטער
„ארדעט"
אלעע 1-טער מאי 2
פריהער ענגלישער זאל
קינסטלערישער לייטער: משה בראדערזאן.
דירעקציע: יוסף סטרוגאטש.
קאמפאזיטאר: דוד בייגעלמאן.
קאנפעראנס.: נתן רייכענבערג.
היינט דאנערשטאג, 9.30 אווענט
צו ביליגע פרייזן פון 1—4 זל.
ס'ווערט געשפילט
וכל מאמינים שהוא
פרעהליך געמישט פראגראם
1) צווישן חסידים, 2) ביים שפיגל, 3) שלים-מזל, 4) כחיל נישט זיין קיין רבי, 5) נסים, 6) מאטעלע, 7) מאנאלאג, 8) די גנבים, 9) פראווינץ, 10) סדום, 11) כלה טאנץ, 12) זעלנעריש, 13) סימעכערל, 14) די באבע מיט'ן איניקעל, 15) ס'לאבוזל, 16) קוצעניו-מוצעניו 17) אנשי-קורצב.
גארדעראבע גישט פערפליכטענד.
בילעטען צו בעקומען אין דער קאסע פון טעאטער יעדן טאג פון 1—11 און פון 5 ב"מ

אויטאבוס-קאמוניקאציע אין פאביאניץ.

(§) די ווארשאווער פאבריק פון אויטאמאבילען „אורסוס" האט זיך געווענדעט צום פאביאניצער מאגיסטראט מיט'ן פארשלאג איינצופיהרען א שטענדיגע שטאטישע אויטאבוס-קאמוניקאציע אין פאביאניץ. דער פראיעקט איז אקצעפטירט געווארען.

א גזימס איז קאפ אריין.

(וו) אויפ'ן קאפ פון דער 18-יעהריגער געמא אלגראוויטש איז פארן טויער פון זשעראמסקי-גאס 30 אראפגעפאלען א שטיק גזימס פון הויז. זי האט בעקומען א שווערע וואונד, געגען הויז-בעזיצער איז צונויפגעשטעלט געווארען א פראטאקאל.

ראדיא פראגראם

דאנערשטאג, 17. מערץ.

ווארשא (1412)

11.58 שעה ציכען. —12.40—14. שילער-קאנצערט פון דער ווארשאווער פילהארמאניע. 17.15—16.15 גראמאפאן-פליטען. 17.45—18.45 סאליסטען-קאנצערט. 19.10 לאנדווירטשאפטליכע בערזע. 19.25 גראמאפאן-פליטען. 19.40—19.58 פרעסע-בעריכט. 20.30—21.30 אווענד-קאנצערט (לייכטע מוזיק).

פויזען (335) —.14 בערזען-בעריכט. 14.30— 14.15 ידיעות. 16.35—16.55 בילד פונק. 19.20— 19.05 פארלעזונג פון ג. בוימפעלד „מיינע איינדרוקען אין רוסלאנד זייט קריג אין אנהויב". 20.30—21.30 געזאנג-קאנצערט.

אויסלענדישער ראדיא-פראגראם.

לענינגראד (1000) —.19 „דער בארביר פון סעוויליא" (אפערע). קעניגסבערג (276) —.20 „מארגארעטע" (אפערע). פראנקפורט (390) 20.10 גרויסער ארקעסטער-קאנצערט. וויען (517) 20.45 גרויסער פילהארמאנישער קאנצערט. הילפערסום (1875) 20.56 קאנצערט. לייפציג (259) —.21 סימפאנישער קאנצערט. בערלין (418) 21.20 כאר-קאנצערט. מינכען (533) 21.30 קאנצערט. גענף (760) 20.40—.22 קאנצערט פון פונק-ארקעסטער. לאנדאן II (261) —.22 —.23 קאנצערט. מאילאנד (501) 21.15-23.30 געמישטער קאנצערט. ריגא (525) 19.03 אפערעטען-אויפפיהרונג.

א שיק-יונגעל בע'גנב'עט סיסטעמאטיש דאס געשעפט,

וואו ער איז געווען אנגעשטעלט

(§) אין גאלדלוסט'ס געשעפט אויף אלעיע קאשטשושקי 32 זענען די לעצטע צייט פארגעקומען סיסטעמאטישע גנבות. מיט דער הילף פון א פאליציי אגענט, איז מען דערגאנגען, אז דער גנב איז דאס שיק יונגעל פון דער פירמע, ערמונד קעמפינסקי פון לימאנאווסקא-גאס 28. קעמפינסקי איז געווארען ארעסטירט.

היינט „תל-חי" אקאדעמיע אין „פילהארמאניע"

היינט, 8.30 אווענד קומט פאר און זאל פון „פילהארמאניע" א „תל-חי"-אקאדעמיע צום 10-יאהרצייט פון יוסף טרומפעלדאר און זיינע חברים. און דער אקאדעמיע בעטייליגען זיך מ. נייששטאט, גענעראל-סעקרעטאר פון דער לייטונג פון קפא"י אין ארץ ישראל, גרליהו געלער פון פתח-תקוה און ב. קארייזמאן פון ווארשא. אין מוזיקאלישען טייל סאליסט, געזאנג פון „הזמיר" כאר, ארקעסטער „בר כוכבא", רעציטאציעס פון יחיאל ראזענצווייג, לעבעדיגע בילדער פון חלוצים-בילדער אין א"י, אויסגעפיהרט דורך די מיטגלידער פון „הסתדרות) השומרים".

די אקאדעמיע איז דער אנהויב פון דער פראקלאמירטער אקציע פאר'ן פ. א. פ., וועלכע הויבט זיך אן היינט, דאנערשטאג.

ד אקאדעמיע האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג אין די קרייזען פון די פריינד פאר'ן ארבייטענדען א"י אין אונזער שטאט

—:0:—

„הינקעמאן" אין רעושי פון קאמארניק.

(ב) דער קאמארניק האט בעשטימט א ליציטאציע אין שטאט-טעאטער ציגעל-גאס 63 אויף די דעקאראציעס צום טעאטער-שטיק „הינקעמאן" און די קאסטיומען, וואס זענען אפגעשאצט אויף א סומע פון 4700 זל. די ליציטאציע איז א נאכוועהעניש פון דיר. גארטשינסקי'ס בעל-הבית'ישקייט.

פערקויפטע נשמות

שפאנענדער ראמאן

(11-טע פארטזעצונג)

ברוטשוויר איז מיט האסטיגע טריט צוגעגאנגען צו דער פירשטין. זיין פעסטע האנד האט א כאפ געטון איהר אָרעם. — איך וויל זיך דערווייסען דעם ווער, וואס פיהרט צום הארעם — האט ברוטשוויר אויסגעשריגען מיט א ווילדער שטימע איך וויל... און ער האט ווייטער נישט פערענדיגט, ווייל עס האבען זיך דערהערט מענשליכע טריט, וואס האבען זיך דערנעהענטערט צו דער טיר.

— א, גאט מיינער! — האט די פירשטין א געשריי געטון פון גרויס פערצווייפלונג — דער מארקיז איז קעניג קומען אן!

מיט א בליץ-שנעלקייט איז ברוטשוויר אריינגעשפרונגען אין קוימען, אבער און דער זעלבער מינוט האט זיך די טיר אויפגעעפענט דאס שטובע-מיידעל איז געגאנגען פאראויס, און נאך איהר איז געגאנגען דער קעניג לודוויג, דער מארקיז און עטליכע גווארדיסטען, וואס זענען געווען זיינע שטענדיגע בעגלייטער.

דאס שטובע-מיידעל האט נישט בעמערקט דעם שאטען, וואס איז שנעל פארביי פאר איהרע אויגען, אבער דער קעניג האט ס'יא בעמערקט און מיט בעם א פרעג געטון:

— פירשטין! ווער געפינט זיך ביי אייך דא און שטייט אזוי שפעט? אט דארט — האט ער געוויזען מיט דער האנד אין דער זייט פון קוימען

קאפיטעל 4.

די געהיימנישע פון קעניגליכען הארעם

א העל-בלוי ליכט פון לבנה-שיין האט בעלויכטען די הויכע מויערן, וואס זענען געווען ארומגערינגעלט מיט א שמאל פלוסנער וואסער. די מויערן האבען אויסגעזעהען ווי א שלאס. אייגענטליך איז עס געווען אזא מין פעסטונג, ווייל ארום זענען די מויערן געווען שטארק באוואכט, און דערנעבען האבען זיך אויך געפינען קליינע קאזארמעס פאר'ן וואכענדען מיליטער.

אבער הינטער די מויערן האבען זיך געפונען מורח-פאנטאסטישע הייזער איינגעהילט אין א הערליך-שעהנעם פארק, וואס איז געווען באפוצט מיט פערשידענע אויסטערלישע ביילדער, פאנטאנעס און לאנגע אונטערערדישע קארידארען. דער קעניגליכער פארק איז געווען איבעראל בעריהמט. דאס איז געווען א רייצענד ארט, וואו דער קעניג לודוויג האט פערבראכט זיינע אפרוה-שעה'ן און קרוין פון די שענסטע פרויען. און דער זעלבער נאכט איז די שטענדיגע שטילקייט איבערגעריסען געווארען דורך א ראד-בעוועגונג און א קלאפערי פון פערדישע פארקאוועס.

פון שטאט האט זיך דערנעהענטערט א פערמאכטער עקוויפאזש בעגלייט דורך א פאטרויל דראגונער.

— דאס איז דער קעניגליכער עקוויפאזש — האבען די וואך-זעלנער צווישען זיך שטיל געשעפטשעט, פרעזענטירענדיג דאס געוועהר.

די פארהענגלעך אין עקוויפאזש זענען געווען פערהאנגען און פון אינעווייניג האט זיך דערטראגען א דערשטיקט ווייליך געוויין.

— ווידער איינע — האט איינער פון די זעלנער א ברום גנעטון, בעת ער האט געעפענט דאס איבעריגע טויער און די קארעטע איז בליץ-שנעל אריינגעפלויגען.

— און דאס אודאי געגען איהר ווילען — האט זיך א צווייטער אנגערופען און דער שטיל — אבער פערפאלען, קוים געפעלט דעם קעניג עפעס א שעהן מיידעל, מוז ער זי האבען. דא העלפט נישט קיין רשייען, קיין וויינען. זי וועט זיך צוגעוועהנען, ווי אלע איבריגע און וועט לאכען און ווייל'ען זיך מיט אלע צוזאמען.

דער עקוויפאזש האט זיך אפגעשטעלט פאר דעם שענסטען בנין פון גאנצען פארק.

מען האט געעפענט דאס טירעל פון דער קארעטע און פון דארט ארויסגעצויגען א פער'חלש'ט יונג מיידעל, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק פון א משוגע'נער.

דאס לבנה-ליכט האט געווארפען איהר העלען שיין אויף דער גאלד-האריגער האנא לעבלאנס, די שענסטע פרוי פון פאריז, וועלכע איז א האלב-לעבעדיגע געפיהרט געווארען אויף מארמארנע טרעפען דורך עטליכע פרויען.

דארטען איז די פער'חלש'טע האנא אויפגענומען געווארען דורך עטליכע עלטערע מיידלעך, איהרע צוקונפטיגע חבר'טעס.

— לאזט מיך אפ, — האט זי געשריגען — איך וויל נישט פערבלייבען אין דאזיגען שענדליכען ארט.

א הילכיג געלעכטער האט זיך דערהערט אויף האנא'ס פערצווייפעלטע געשרייען. די פרויען זענען שוין געוואוינט געווען צו אזעלכע סצענעס. זיי האבען זי געפיהרט ווייטער ארויף אויף די טרעפען, כאטש זי האט זיך שטארק ענטקעגענגעשטעלט עס האט אבער גארנישט געהאלפען איהר געוויין.

— דא האט שוין נישט איינע אזוי געוויינט, געיאמערט און געוואלט גיכער שטארבען — האט זיך אנגערופען איינע פון די בעגלייטענדע פרויען — און פונדעסטוועגען זענען זיי אלע מסכים געווען מיט זייער גורל און זענען היינט זעהר צופרידען. דו דארפסט זיך נישט האלטען פאר אן'אומגליקליכע, פערקעהרט, דו דארפסט זיך פיהלען גרויס, ווייל דער קעניג האט בעפוילען זיך אומצוגיין מיט דיר זעהר גוט און איידעל.

— אי, זיי נאר קלוג און דערבנגעטריבען, מאך דיך אייביג לאכען און פרעהליך זיין, און דו וועסט קאנען דא דיין גליק געפינען. בעקלאגען זיך און וויינען וועט גארנישט העלפען. און קעניגליכען הארעם מוז זיין אייביג פרעהליך לעבעדיג און מען מאר נישט הערען קיין קול פון געוויין. די היינטיגע נאכט וועסטו זעהען, וואס פאר'א פרעהליך לעבען דא ווערט געפיהרט. די שעהנע דאמען גרייטען זיך שוין צו דער פייערליכער מאלצייט, וואס דארף פארקומען די היינטיגע נאכט.

האנא איז געשטאנען א צומישטע און נישט אויסגעהערט דאס אלץ, וואס מען האט און איהר אריינגערעדט. זי איז צוגעלאפען צו דער טיר און געוואלט ארויסלויפען, אבער די פרויען האבען זי פערהאלטען און אריינגעפיהרט אין א וואונדער-שעהנעם צימער.

האנא איז געבליבען פערגאפט דאס ערשטע מאל אין לעבען זעהט זי עפעס עהנליכעס. די שטראמען וואסער האבען געשטראמט פון די פאנטאנעס ביז צו די שפיצען פון די בוימער. דאס הערליכע בילד האט מונטער געמאכט אלע פרויען-געשטאלטען, וועמעס רייצענדע קערפערס עס זענען געווען ארומגענומען מיט דינע זיידענע מאנטלען.

האנא האט זיך געשרויעלט פאר גרויס חרפה, דערזעהענדיג ד. נאקעטע פרויען-קערפערס, וואס האבען דערוועקט אין איהר א מיאוס עקעל-געפיהל.

און גאנצען פארק איז נישט געווען צו זעהען קיין איין מאנספערשוין. גרופענווייז האבען זיך די נאקעטע מיידלעך צוזעצט ארום אויף גאלדענע ווייך-שטוהלען און געשוועבט זיך און שפיל אונטערגעזונגען.

(דאס ווייטערע קומט).

דער האנדעל מיט אפיום

(ענדע פון זייט 4)

ריוח, ווי דער שמוגלער פון פריוואטע הענדלער.

און עס הייסט — אז רוסלאנד דארף שוין יודען די ספרים נישט, קיינער קויפט זיי נישט, קיינער לייענט זיי נישט און קיינער האט פאר זיי קיין פלאץ נישט.

און שעדליכע ספרים זענען אפיום, ממית כם המות מרובה פון זיי...

און אמאל, נאך אמאל, זענען פאגא־טוקער נאך געווען קיין קרעמער, מען האט אזעלכע ספרים פערברענט, אויך אפענע פלעצער האט מען זיי מיט פא־דאר, מיט פנערליכקייט און מיט גע־וואלדיגען ערנסט פערברענט.

א ספר איז אלע מאל געווען א געוואל־דיגער ענין, און א פסול'ן ספר אפילו האט מען פערברענט מיט פנערליכקייט און ערנסט, און א ספר לינט די נשמה פון א מענטשן, און א מענטשען פערברענט מיט פנערליכקייט.

דער הינטיגער פאנאטיקער איז א דורכגעשטרייבנער קרעמערל, ער וויל אי אומברענגען דאס פנערליכע בוך און אי בעקומען אין מזומנים זיין פולען מארק־פרייז.

און ער איז אויסגעפונדען און אלע מינים פון מקח־וממכר, ער ווייס אלע קונים פאר אלע ארטיקלען און יעדער וועלט.

זענען פעקלעך אלטע יודישע ביכער אנגעקומען קיין אמעריקא, מען וויל זיי פערקויפען פאר'ן פולען מארק־פרייז, פאר'ן הויכסטען פרייז.

אפיום האט א פרייז, א פעסטען מארק פרייז און די אפיום־הענדלער וויסען

(ענדע פון זייט 4)

גוט זעם רייז.

די קאמוניסטישע הענדלער מיט דעם רעליגיעזען אפיום ווייסען נענוי די פריי־זען...

און וואס וועט זיין מיט די ביכער? עס איז, פערשטעהט זיך, פרוקרע צו צאהלען געלד פאר ביכער, ווען די צווי־פעלסט און דעם איינענטום רעכט פון פערקויפער

ביי אונזער שטאנדפונקט זענען די ביכער שוין איינמאל געקויפט געוואר־ען פון יודען, און קיינער האט קיין רעכט נים צו פערלאנגען פון אונז, אז מיר זא־לען צאהלען פאר די ביכער נאך אמאל.

צווי מאל צאהלט מען נים פאר קיין זאך אויף דער וועלט.

זענען עס ביכער פון פריוואטע מענ־שען, האט דער פריוואטער מענש בע־צאהלט פאר זיי, און ווען זיי ווערען קאנ־פוסקירט דארפען זיי ווערען קהל'שע אייגענטום און אפילו חי רעגירונג, וואס האט זיי קאנפוסקירט האט קיין רעכט נים צו מאכען געשעפט מיט זיי.

זענען עס קהל'שע ביכער, דאס הייסט ביכער, וואס זענען לכתחילה געקויפט געוואר־ען פון קהל, געהערען די ביכער צו אונז, קיינער קען זיי אונז נים פער־קויפען, ווייל זיי זענען אונזערע. מיר זענען די איינענטימער.

דאס זענען נערעכטע טענות. דאס זע־נען עפעס מעהר ווי טענות...

אבער די ביכער זענען דאך אין גע־פאנגענשאפט, זיי זענען פעראפט גע־וואר־ען און אהן אויסלייז־געלד וועט מען זיי נים ארויסלאזען.

איז עס א פראגע פון פריון־שבויים נים קויפען די ביכער, נאר אויסקויפען דארף מען זיי.

מיר קויפען נים קיין ביכער ביי מענ־שען, וועלכע זענען נים די אמת'ע איי־גענטימער פון די ביכער.

אבער ביכער, אלע ביכער ביי מענשען וועלט, אלע ביכער, וואס מענשען האבען געשריבען זענען לעבעדיגע בעשע־פענישען און — א לעבעדיג בעשעפעניש קען זיין בלויז געפאנגען...

דארפען מיר אויסקויפען די ביכער פון געפאנגענשאפט. אויסקויפען און גע־בען זיי א זיכערן פלאץ ביי אונז.

מיר מוזען זיי אויסקויפען, ווייל מיר זענען איצט די איינציגע, וואס קענען זיי אויסקויפען, יודען פון אמנדערע לענדער זענען ארים און רואינירט, אגב האט מען דאך די ביכער געבראכט צו אונז, צום רעכטען קרוב, אז ער זאל זיי אויס־קויפען.

עס איז אנ'אפענער און ציניש'ער שפיל, אמת, אבער מיר מוזען עס ארויבלינגען און אויסלייזען די פער־וואגעלטע און געפאנגענע ספרים.

עס איז נים דער ערשטער און נים דער לעצטער צער, וואס די יעווסעקציע פערשאפט אונז, מיר דארפען זיין גרייט אויף נאך פיל עגמת נפש'ן.

ווארים אפגעריסענע פון אונז זענען זיי, און אפגעריסענע זענען לעממערער און פרשוועבער, אפגעריסענע זענען זיי, און אמגעריסענע שפרינצען מיט גאלד און מיט גופא.

מען מוז אויסקויפען די ביכער.

אויב און די קאסעם פון קהל'שע יו־דישע בובליאטעקען איז קיין געלד נישטא, דארף מען מאכען א פאלקס־זאמלונג און מיט די ניקעלס און דאלערס פון מיליאנ־דער און מיליאנדער יודען אויסקויפען די געפאנגענע ביכער.

מיט פושקעס קלאפען, נים שעהמען זיך, מיט וועהמאג און צער קלאפען:

— יודען, גיט א נדבה, מיר דארפען אויסקויפען יודישע ספרים פון געפאנ־גענשאפט, יודען, עס איז פריון שבויים...

קלאפען, קלאפען שטארק מיט דער אלטער יודישער ושקע אויפ'ן אלטען, אלי־מען שמיינער.

ווארים מיט מיטעל־אלטער שמעקט דער יאנצער ענין.

לאמיר אויך אויסהאלטען סטיל.

און קלאפען מיט די פושקעס פאר פריון שבויים!

געוו. פראנצויזישער יוסטיץ־מיניסטער וועגען דער לאגע אין ארץ־ישראל

(ענדע פון זייט 3)

די דאזיגע ערקלערונג פון אנ'אפיציעלער סאוויעטישער פערזאן, רעדט שוין פאר זיך אליין. און דארף נישט קיין פירושים

פאר מיר ערקלערט ווייטער זשוסטין גאדאר — ליגען א גרויסע צאהל פלוג־בלעטער, וואס עס האט ארויסגעגעבען די פאלעסטינענזישע סעקציע פון „דער אינ־טערנאציאנאלער ראטער הילף". קיין איין נער פון די דאזיגע פלוג־בלעטער איז נים געשריבען אין העברעאיש און אין יודיש נאר אין אראביש, א מייל פלוג־בלעטער הערצען די פעלאכען דערמוט, וואס די פרעמדע געזעלשאפטען האבען זיך פער־בונדען מיט אייניגע בונדים פונ'ם פא־מערלאנד, די קאפיטאליסטישע פאלוצייו, שטעהט שטענדיג צו זייער דינסט, און

יעצט שטרעבען זיי ארויסצושטופען דעם פעלאך, וואס זיצט שוין יאהרהונדערטער אויף דער דאזיגער ערד, ארויסצושטופען פונם לאנד". אונטער די „פרעמדע גע־זעלשאפטען" ווערט אין די פלוג־בלעטער געמיינט די יודישע קאלאניזאציע. עס איז דעריבער נישט קיין שום ספק, אז די אוקראינישע שונאים פון יודישען אויפ־בוי־ווערק און האבען א גרויסען טעות, אויב זיי מיינען, אז דער יודישער ישוב און ארץ ישראל בילדעט א קאמוניסטי־שע נעסט אויפ'ן מזרח. פערקעהרט, די יודען פון ארץ ישראל זענען די גרעסטע געגנער פון קאמוניזם, וועלכער איגטרי־גירט די פעלאכען און העצט זיי צו פלוי־טוגע פאגראמען געגען יודען.

ווי אזוי איז געפאלן די פשעמישלער פעסטונג מיט 15 יאהר צוריק

(ענדע פון זייט 3)

טענדאנט בעגאנגען זעלבסטמארד.

די סאלדאטען האבען געזונגען זייער לידעל און און געגעבען־ווארט פון אפיצירען און געטאנצט מיט זייערע געפרוירענע פיס, א סך האבען קוים געקאנט זיך האל־טען אויף די פיס, ווייל און די נאסע שוצען־גרובער זענען די שיך פערפוילט געווארען.

אנהויב מערץ איז געקומען א מוראדי־גער שניי און האט בעגראבען יעדע האפנונג אויף בעפרייאונג. פונגרעסטע גען האט דער אונגארישער הייוויזיאנער נעפיהרט זיין פערפרוירענע און אויסגע־הונגערטע ארמעע געגען די מזרח־פאט־ציעס פון די רוסען, וועל מען האט עס ווארט, אז דער איבערפאל וועט געלינ־גען.

נאך 130 טעג ווידערשטאנד, לויט פארשריפט, האט דער פערטיידיגער פון דער פעסטונג געשיקט דעם קאמענדאנט פון דער בעלאגערונגס־ארמעע אזא בריוו־ועל:

„ווייל איך קען מיינע סאלדאטען נים מעהר דערנעהרען, גיב איך איבער די אפענע שטאט פשעמישל, די פעסטונג האב איך צושטערט".

דאס איז געשעהן דעם 22. מערץ 1915.

אוצט איז געקומען פאר 130,000 מאן ברויט און פלייש און קריגסגעפאנגענע שאפט, סיביר, פלעקען־טיפוס, הונגער, רעוואלוציע און פונף בייז צעהן יאהר ארום זענען אפילו די העלפט פון די נע־פאנגענע נים צוריקגעקומען..

8־טונג!

דאס לאדזער טאגעבלאט

בעקומט מען טעגליך 8 א זייגער פריה

אין אלע באהן־קיאסקען

„רוך"

(„Ruch")

לעטשניצע

17 זגיערסקא 17, טעל. 16-83

אלערליי קראנקהייטען חערדען עמפאנגען דורך ספעציאליסטיש דאקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אהיינד.—מאסאזש, עלעקטריזאציע פאקען־שלטפען, קינסטליכע פירגזאג"ן־פעשטראלונגען איספינגען געגען שקאר לאטינגע.



פאדא טקעס ביז 2000 זל.

קענעז אנולירט ווערען.

פאדאניעס וועגען דעם שרייבט דאס רעכטס־קאנסולטענטען־ביורא „ארגוס", זאבאדניא 36 טעל. 10-841

דער טערמין איז נאר ביז'ן 31 ד. ח.

אינזש. אורי גליקליך ווארענט, אז

איידער איהר מאכט דעם לעצטען דעצידירענדען טריט און בע־שליסט צו קויפען וועלכע נישט איז מאשין, וועלכען נישט איז ארטיקל פון דער טעכנישער בראנזשע, ווענדעט זיך צוערשט

צו אונז

מיר האבען די גענעראל־פערטרעטונג פון פערשידענסטע, ערשטקלאסיגע, וועלט־בערימטע אויסלענדישע פאבריקען און דאס אויסשליסליכע רעכט צו פערקויפען זייערע אויסארבייטונגען אין פוילען.

איידער איהר מאכט דעם לעצטען דעצידירענדן טריט און בעשליסט צו קויפען

שוין געגוצטע לאקאמאבילן, מאטארן, אויטאמאבילן אדער פער־שידענסטע אנדערע ארטיקלען פון דער טעכנישער בראנזשע,—

בעראט זיך צוערשט אומבעדינגט מיט אונז

אונזערע אינזשינערן, ערפארענע ספעציאליסטען אויף אלע געביטען, וועלן אייך געבען זייער פאכמענישע מיינונג, נאך גע־נויער אויספראבירונג און איבערנעמענדיג אויף זיך די פולע גאראנטיע.

מיר שטעלען גלייכצייטיג איין פערטרעטער אין אלע פונקטן פון דער פוילישער רעפובליק. מיט אפערטען קענען זיך ווענדען נור פערזאנען מיט פערטרויענסווערדער פערגאנגענהייט, וואס בע־זיצען אנטשפרעכענדע בעסטע רעפערענצען, אויסערסט טיכטיגע, ענערגישע און רעפרעזענטאטיווע. געוויסע טעכנישע קענטנישען זענען געווינשט.

מיר ליפערן דאס בעסטע אויף מעגליכסט גוטע בעדינגונגען.

ווענדעט זיך שוין צו אונז, דען אן ריזיקא וועט איהר האבען ביידייטענדע געלד געווינסען:

Inż. Urij Gliklich, Warszawa,

Elektoralna 11/12

skrz. poczt. 393. — Tel. 36-76.

אויפפאדערונג.

איך פאדער אויף ה' שלמה שווארצפעלץ פון בזשעזשין, אז ער זאל מיט מיר געהן צו א דין־תורה. איך ערקלער, אז איך בין גרייט צו בעצאהלען אין ראטעס די 3.500 זל. וועלכע דאס געריכט האט איהם צוגע'משפט (אבער וואס באמת קומען זיי איהם נישט) און אויף וועלכע ער וויל שטעלען צו ליציטאציע מיין הויז. אויב די דין־תורה וועט איהם נישט צו־פסק'ענען אזוי־פיל, וועל איך דעם עודף אוועק־געבען אויף יודישע צוועקען, ווי: מצות פאר ארימע, פאר גמילת־חסדים־קאסע א. א. עס איז דעריבער א חוב קדוש אויפ'ן בזשעזשינער בי"ד און ראשי־העדה זיי זאלען אנווענדען אלע מיטלען, למען המצוה רבה, דאס די ד"ת זאל צושטאנד־קומען, ווייל דערפון וועלען געניסען פיל ארימע לייט.

יהודא קראנגראד בזשעזשין.

א יונגעל

אין עלטער פון 15—17 יאהר פון אנשטענ־דיגע עלטערן, וואס קאן פויליש, ווערט געזוכט פון זאפארט מיט עסען, שלאפען און גאזשע. זיך מעלדן פון 12—7 ביי פירמע „KREDYT", Nawrot 15 ערשטער שטאק

א קובען־קרעדענס

אויך אנדערע גענוצטע מעבעל געלעגענהייטליך צו פערקויפען.

צו ערפאהרען: ראזין, נארוטאוויטשא № 42

2 צימער און קוך

מיט בעקוועמליכקייט, ערשטער שטאק, צענטרום נאז און עלעקטריע, זאפארט צו פערדינגען. טעלעפאן 139-62.

וויכטיג פאר דאמען!

מאכע איך די עלעגאנטסטע דאמען־היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטעסטע היטע איבער־ארבייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט די אדרעס:

פאר נאר 2.50 זל.

זאוואדזקא 23

אין הויף. 2־טען איינגאנג, לינקס פארטער.

בעמערק.: ניי היטען די לעצטע נייהייטען אין פיינער ביליגער.

אויספערטיגונג 50 פראצ. ווי איבעראל

„TOLA"

LAJB KALISKI Dolna 30, zagubił kwit kaucyjny Elektrowni.

שרייבען שעהן אונד שנעל

לערנט אויס דער בעוואוסטער קאליגראף

ל. בערמאן

— אין — 15 לעקציאנען

אין איין חודש ווערט אויסגעלערנט שרייבען גוט

זאוואדזקא 19, פרטנט

די פרייזען פון לוקסוס־שיך זענען בעדייטענד פערקלענערט געווארן!

אויפ'ן פריהלינגס־סעזאן

שיך

פון בעסטען לעדער, נייעסטע פאסאנען

מיר עמפעהלען:

דאמען־שיך צום פרייז פון 45 זל. פריהער 65 זל.

מענער־שיך צום פרייז 50 און 55 זל. פריהער 70 און 75 זל.

STELZNER, WEBER i S-ka

141 פיעטריקאווער 141

הלא חכמה תקרא, ותבונה התן קולה,

בצדק כל אמרי פי, אין בהם נפתל ועקש, אשרי אדם שמע לי, לשקד על דלתותי יום יום. איבער דעם זאלסטו קומען אין מיין

רעכטסקאנסולענטען־ביורא צו ה' מאנעלא, פיעטריקאווער 17 זאכאדניא 52

טעלעפאן 148-79

וואו ס'ווערט פינקטליך און געוויסענהאפט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילנע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס אדוואלאניעס, קלאוזולעס, זאפזפיעטשע־ניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, וועגן דירות אין אוזשאנד ראזיעמטשע, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

מיט אכטונג

ד. מאנעלא, רעכטסקאנסולענט

פיעטריקאווער 17

טליתים־פאבריק

אויסארבייטונג פון וואלענע האלב־וואלענע, זיי־דענע טליתים כמו טערקישע, יאראסלאווער און קאלאמעער, ווי אויך אויסלענדישע. טליתים־קטנים הורט און דעטייל, מיט אויספערטיגונג, אויך גארטלען, שפאניעס און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל ביי

א. ה. ציטרינאווסקי

קאמיענגא 1, אין 2־טען טויער, פארטער.

בעמ.: ס'ווערען אויך אנגענומען אלע טליתים צו וואשען.

שייטלען

לויט די נייעסטע פאריזער מאדעלען

פריזירט די בעריהמטע פריזיערקע צו ביליגע פרייזען

גארנעצקא, מאגיסטראצקא 1.

צו פערפאכטען א פאבריק

בעשטעהענד פון 14 קראפט־שטיהל, 36, 42, 52 מיט פולשטענדיגער איינריכטונג אין צענטרום פון שטאט אין דער געגענד פון נאוואמיעסקא ביז פיעטריקאווער. אדרעסען אבצוגעבען אין אדמינ. פון „לאדז. טאגעבל." אונטער „A. B."

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר ווענערישע הויט־קראנקהייטען און מענער־שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערווען־קראנקהייטען.

קווארץ לאמפ־עלעקטרישע הייל־קאבינעט־קאסמעטיק

טעגליך פון 8 א זייגער ביז 9 אווענד

זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג

בעזונדער ווארטע צימער פאר פרויען

וויזיט 3 זלאטעס

שענסטע 2 יודישע ביכער פון אמעריקא!

נאר וואס זענען אנגעקומען צום פערקויף פון אמעריקא די צוויי שענסטע ביכער פון בעקאנטען געלעהרטען און פארשער הרב יהודא ליב זלאטניק (יהודא עלזעט)

קהלת

דער מענש און דאס בוך.

דאס בוך בעשטעהט פון דריי טיילען: I) אנ'אריגינעלע קינסט־לעריש־פאלקסטימליכע יודישע איבערזעצונג. II) גרינדליכע אי־בערזיכט איבער דער ביבעל־קריטיק. III) אפהאנדלונג איבער אלע ודישע איבערזעצונגען פון קהלת. אונזער גרעסטער פאעט ח. נ. ביאליק שרייבט וועגען דעם בוך: די איבערזעצונג איז אמת'דיג וואונדערבאר, זי שטייגט איבער אלע פריהערדיגע יודישע איבער־זעצונגען. אויך אין פרק'ס אין יהוא'ש איבערזעצונגען איז אלץ מיד און שווער. הרב זלאטניק איז דער ערשטער, וואס האט גע־פינען דעם ריכטיגען וועג און פאסיגען סטיל. „דאס בוך איז א דע־לוקס־אויסגאבע און פראכטפול געבונדען. פרייז פון בוך איז 14 גילדען (אין אמעריקא קאסט עס 3 דאלאר)

2) מיט הונדערט יאהר צוריק

א שילדערונג פון דעם אמאליגען לעבען פון יודישען פאלק, זיינע מנהגים, קליידונגען, שטרעבונגען א. ז. וו. דאס בוך איז פראכט פול געבונדען. דער פרייז 5.50 זל.

די צוויי ביכער זענען צו בעקומען דורך פאסט־פשעקאז ביי:

Rabin Sz. Złotnik, Radom.

אבאנאמענטס־פרייז: פאר 1 חודש אין פיוטרקוב 6 זל. ... ניו־20 פרענק, אין אנדערע לענדער—1.20 דאלאר: ... אנאנסען־פרייז: פאר 1 מיליפעטער־שורה פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער ... פערצעהן 50% טייערער ...

Redaktor-wydawca B. Hamburski

Drukarnia: B. i M. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 16.